בס"ד / שנה ו' / פרשת וארא / נומער 297

# בלעטל

**קול הברה**
בריוו פון ליינער

**איך בין קלוגער**
אברהם הערש וועבערמאן

**ווען דער כהן באקומט די COIN**
אברהם משה שטראססער

**די אייזל פליט איוף האשקי**
ישראל דוד העסקעל



# קול גרסלה

## 212 444 9191

דער שופר וואס שרייט ארויס חיזוק פאר די גאנצע וועלט | **טויזענטער אידן שעפן חיות דערפון יעדן איינציגסטן טאג** | הערט א דעטאלירטע באריכט פון **מו"ה משה יודא עקשטיין הי"ו** וויאזוי די ארבעט פונעם האטליין גייט צו פון הונטער די קוליסן.

בס"ד

פרשת
וארא
תשפ"ו

**נומער**
**297**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **06** | קול הברה |
| **08** | פיינטס |
| **10** | וועלטליכע נייעס |
| **12** | קוק אהער |
| **15** | א ווארט צווי |
| **16** | אלץ און אלעמען |
| **18** | פנינים |
| **21** | מעשיות פון תפלה |
| **22** | פשרה'לאך |
| **22** | געדאנקען |
| **28** | קול ברסלב |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, מ. מאנן, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**

צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

# אשריכם מחזיקי תורה

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו
מו"ה **אייזיק ראטה** הי"ו
פרנסי חודש טבת

און די חשוב'ע נדבנים פון די פארגאנגענע חדשים

**שותף הכולל חודש סיון:** מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו
**שותף הכולל חודש תמוז:** מו"ה **לייבי ליבערמאן** הי"ו
**שותף הכולל חודש אב:** מו"ה **אליעזר שמן** הי"ו

**פרנס חודש תשרי:** מו"ה **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, מו"ה **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש חשון:** מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו, מו"ה **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
**פרנס חודש כסלו:** מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו, מו"ה **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו
**פרנס חודש טבת:** מו"ה **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו, מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו
**פרנס חודש שבט:** מו"ה **הערשי זאבעל** הי"ו, מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו
**פרנס חודש אדר:** מו"ה **הלל ווייס** הי"ו, מו"ה **אייזיק ראטה** הי"ו
**פרנס חודש ניסן:** מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, מו"ה **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש אייר:** מו"ה **ישראל פוקס** הי"ו, מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש סיון:** מו"ה **משה בראדי** הי"ו, מו"ה **יואל וועבערמאן** הי"ו
**פרנס חודש תמוז:** מו"ה **שאול חיים איינהארן** הי"ו, מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו
**פרנס חודש אב:** מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו, מו"ה **מנחם זאב שטערן** הי"ו
**פרנס חודש אלול:** מו"ה **משה איינהארן** הי"ו, מו"ה **משה ישראל האממער** הי"ו
**פרנס חודש כסלו:** מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו, מו"ה **הלל ווייס** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

*הנהלת הכולל*

# איך בין קלוגער

א צאמקום פון וועלט פירערס וואס מ'רופט א סאמיט (summit) איז נישט קיין נייע זאך, דאס איז שוין פארגעקומען אויך אין די פריערדיגע יארן, נאר אויף א קלענערע פארנעם.

האט זיך געמאכט איינמאל וואס מ'האט באשטומט א דאטום פאר א סאמיט מיט גרויסע פירערס פון איבער די וועלט. אנקומענדיג נענטער צום באשטומטן טאג האט איינער א גרויסע לאנד פירער געזען אז ער וועט נישט קענען זיך באטייליגן דארט. בלית ברירה האט ער געזאגט פאר זיין עלטסטן זון אז ער זאל גיין אנשטאט אים. אבער ער האט אים אנגעזאגט אז ער זאל בשום אופן נישט איינגיין אויף קיין וועטס (וואס מ'מאכט פונמאל צומאל צווישן גוטע פריינד, אז איינער וועט דארפן באצאלן פארן צווייטן א סכום געלט אויב ער איז נישט געווען גערעכט, און אזוי ווייטער). ערלעדיגט נישט קיין פראבלעם, אוודאי וועל איך פאלגן מיין גרויסן טאטן, ער פארשטייט דאך בעסער ווי מיר.

ס'איז געקומען נענטער צום טאג פונעם סאמיט האט אים זיין טאטע אריינגערופן און אנגעווארנט ער זאל אנבאדינגט געדענקען נישט איינצוגיין אויף קיין וועטס, זאג נישט צו קיין געלטער. דער זון האט זיך געווונדערט פארוואס זיין טאטע שפירט פאר וויכטיג אים אנצוואורענען בשעת ער האט אים דאס שוין געזאגט איינמאל.

ממש הארט פארן ארויספארן האט אים זיין טאטע נאכאמאל אנגעווארענט נישט צו מאכן קיין וועטס, דער זון איז שוין געווארן גערעגט פארוואס זיין טאטע האלט אים פאר אזא לא יצלח אז ער דארף אים זאגן א זאך דריי מאל.

און אזוי האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום גרויסן סאמיט פון די גרויסע טאטעס וואס פירן גרויסע לענדער איבער די וועלט.

אנקומענדיג אהין האט אים אפגעווארט כבוד מלכים, ער האט זיך געשפירט גאר גוט צו באקומען די גרויסע אויפנאמע, און אמאל שפירן דאס וואס זיין טאטע שפירט ווען מען נעמט אים אויף.

די סאמיט האט זיך אנגעהויבן מיטן דוסקוסירן וויכטיגע נושאים בנוגע די וועלט (די וועלט פירער רעדן זיך נעבעך איין אז זיי פירן די וועלט, און וואס זיי גייען מחליט זיין, אזוי גייט זיין). ערגעץ אינמיטן רעדן פון הייסע טעמעס האט איין פרעזידענט זיך אנגערופן פאר דעם זון: "דו ווייסט אז דו דרייסט זיך ארום מיט א הויקער אויפן רוקן, זעסט נישט אויס גוט". דער זון רופט זיך אן: "אפשר רעדסטו פון א צווייטן, ווייל איך האב נישט קיין הויקער, איך האב א גראדן רוקן".

אבער דער האט נישט אפגעלאזט און זיך געהאלטן ביי זיינס אז דער זון האט א הויקער, יעדער זעט דאס, דו ביסט נישט צום זאך, דו זעסט אויס חלשות. ער געבט זיך א רוף אן צו דעם זון: איך בין גרייט דיר צו געבן צען מיליאן דאללער אויב דו האסט טאקע נישט קיין הויקער

דער זון פונעם גרויסן פירער האט אנגעהויבן שפירן זייער פארשעמט, און ער האט געוואלט אויף אלע וועגן אויפווייזן אז ער איז גערעכט, ער דרייט זיך נישט ארום מיט קיין הויקער.

אבער פון די אנדערע זייט האט ער זיך דערמאנט אז זיין טאטע האט אים דריי מאל אנגעווארענט נישט צו מאכן קיין וועטס מיט קיינעם.

עס האט אים אנגעהויבן דרייען די קאפ מיט מחשבות אהין און צוריק, וואס איז די ריכטיגע זאך צוטאן דא. פון רעדן צום אייבערשטן האט ער נישט געוויסט, במילא האט ער שנעל געמאכט א מסקנא אז ער גייט איין פארן וועט, ווייל ער וויל נישט בלייבן פארשעמט, ער וויל ווייזן פאר יעדן אז ער איז גערעכט, ער איז א נארמאלע מענטש צווישן יעדן.

דער זון געבט זיך א רוף אן: "איך בין גרייט פאר די וועט".

**אברהם הערש וועבערמאן**

"ערלעדיגט" רופט זיך אן דער גרויסע פירער "טוט דיר אויס דאס רעקל און ווייז פאר יעדן אז דו האסט נישט קיין הויקער".

נישט קיין פראבלעם. ער טוט זיך אויס דעם שיינעם אנצוג וואס ער האט געהאט אויף זיך, און ווייזט פאר אלע פירערס אז ער איז גערעכט.

דער פירער אבער איז נישט געווען צופרידן, און רופט זיך אן צו אים: "אויסטון די רעקל איז נישט גענוג, טוט דיר אויך אויס דאס העמד, דעמאלט וועט מען טאקע קענען אויפווייזן ווער עס איז גערעכט".

דער זון הייבט אן ווערן רויט פאר בושה, וואס וויל ער דא פון מיר, איך זאל מיר דא מבזה זיין פאר אלע גרויסע מעכטיגע פרעזידענטן און פירערס פון די גאנצע וועלט? אבער איך מוז אויפווייזן פאר יעדן אז איך בין גערעכט, איך בין א נארמאלע מענטש אן קיין הויקער.

ער שטופט אוועק אלע מחשבות, און געבט זיך א טו אויס דאס העמדל, און ווייזט פאר יעדן אז ער איז הונדערט פראצענט גערעכט - ער האט נישט קיין זכר פון קיין הויקער.

דער גרויסער פירער האט איינגעזען דעם אמת און אים דערלאנגט דאס גאנצע סומע געלט.

דער זון האט אפגעאטעמט, ער האט אויפגעוויזן זיין אומרעכט, און ער האט נאך געמאכט צען מיליאן דאללער, א מחי'.

ער קומט אן אהיים, זיין טאטע פרעגט אים אויס וויאזוי די סאמיט איז געווען, און פארשטייט זיך ער געט אים א פרעג אויב ער האט געמאכט א וועט מיט איינעם. דער זון האט נישט געהאט קיין צוויי ברירות און פארציילט פארן טאטן וואס דא איז פארגעקומען.

דער טאטע קלאפט זיך צאם זיינע צוויי הענט און זאגט פאר זיין בכור: "וואס האסטו דא געטון, פארוואס האסטו מיר נישט געפאלגט, איך האב דיר דריי מאל אנגעזאגט דאס נישט צו טון? יעצט האסטו אלעס פארפאטשקעט". דער זון פרעגט דעם טאטן: "טאטי וואס גייט פאר, וואס איז אזוי שלעכט געווען, איך האב געדארפט אויפווייזן אז איך בין גערעכט, און נאכדערצו האב איך אהיימגעברענגט צען מיליאן דאללער, אז דו ווילסט געב איך דיר אהין דאס גאנצע געלט".

זאג דער טאטע פארן זון: "קינד מיינס, לאמיר דיר פארציילן וואס דאס האט פאסירט, איך האב געמאכט א וועט מיט אט דעם פירער אויף הונדערט מיליאן דאללער אויב ער וועט קענען באווייזן דיר אויסצוטון דאס העמד בפני כל עם ועדה, און ס'איז אים ליידער געלונגען, ער האט עס געמאכט מיט דיר. יעצט וועל איך דארפן באצאלן הונדערט מיליאן דאללער, וואס האב איך פון דיין צען מיליאן, ווען איך דארף יעצט ארויסנעמען פון טאש ניינציג מיליאן?"

די מעשה קען מען אויסטייטשן און זיך ארויסלערנען דערפון אסאך לימודים אויף אלע וועגן, אבער וואס מיר ווילן ארויסברענגען דערפון איז א לימוד אויף אמונת חכמים. דער צדיק זאגט דיר פונקטליך וואס יא אדער נישט צו טון, וואס איז גוט פאר אונז און וואס איז חס ושלום סם המות. אבער די נישט גוטע נאטורן וואס ליגט אין אונז זאגט: נע, דער ראש ישיבה מיינט נישט דאס, אין אזא פאל וואלט דער ראש ישיבה אויך געהאלטן אזוי ווי מיר, ווען דער ראש ישיבה וואלט ווען געוויסט וויפיל געלט איך קען דא פארדינען וואלט ער אויך געזאגט אזוי ווי מיר, דא פארשטיי איך בעסער.

א אינגערמאן זאגט מיר די וואך: ווילסט הערן א גוטע מעשה פון זיין א אויבער חכם? ווען מ'האט אנגעהויבן מסכת זבחים, האב איך אפגעמאכט אז איך גיי דאס אדורכאקערן ווי ס'דארף צו זיין, איך גיי נישט פלעין זאגן. יעצט ווען מ'הייבט שוין אן מסכת מנחות טרעפט ער זיך אז ער האט נישט געלערנט קיין איין דף פון מסכת זבחים... ווערטער זענען איבעריג!

לאמיר זיך נישט פארלירן און זיין קלוגער פון צדיקים, די בעסטע איז אוועקלייגן די אייגענע שכל און פאלגן דעם רבינ'ס עצות אן קיין חכמות, ווען מיר צום סוף זען אז מ'האט פארדינט אסאך אסאך מער ווי מ'האט געמיינט. די לעכטיגע עצה פון רעדן צום אייבערשטן גייט מיר ארויסנעמען פון מיין צרה. די היילגע משניות גייט זיכער מיר אפוואשן פון מיין בלאטע. און אז דו זעסט דאס נישט, גלייב עס. ס'איז דא זאכן וואס מ'פארשטייט נישט, די צדיקים פארשטייען בעסער וואס ס'איז גוט פאר אונז, זיי האבן דעם בילד פון אינדרויסן.

די בעסטע איז זיך צו לערנען פון אונזערע אבות און זען אז כאטש זיי האבן געקענט קשיות האבן אויפן אייבערשטן, פארוואס אהער פארוואס אהין, דאך האבן זיי נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר ווייטער געגלייבט אינעם אייבערשטן און געטון דעם אייבערשטנ'ס רצון.

*וארא אל האבות*

# קול הַבָּרָה

בריוו פון ליינער
צום בלעטל
פאסט קעסטל

שיקט אריין אייער קול הברה צו 845-379-1161 - editor@bletelmagazine.com

## חנוכה אויל

אפאר וואכן צוריק איז געווען א מעשה פון תפילה פון א משפחה וואס שרייבט אז זיי האבן געליינט אין 'קינדערהיים' די אכט מעשיות פון חנוכה אז אנשמירן די אויל איז א סגולה, און זיי האבן דאס געטון פאר זייער בעבי און געזען ישועות.

איינע פון מיינע קינדער האבן דאס געליינט און מיר צוגעקומען זאגן אז דער ראש ישיבה האט געזאגט אין א שיעור אז מען קען נוצן שבת אויל אנצושמירן פאר א רפואה אבער נישט חנוכה אויל.

עס איז מיר געווען א נייע זאך, וואס איך האב נישט געהאט געוויסט דערפון און איך האב גערופן א משפחה מיטגליד פונעם ראש ישיבה פרעגן דערוועגן.

זיי האבן מיר צוריקגערופן זאגן אז דער ראש ישיבה האט געזאגט אז חנוכה אויל נוצט מען נישט אנצושמירן, נאר די איבערגעבליבענע אויל פון שבת ליכט קען מען יא נוצן.

ווייזט אויס אז מען האט זיך געפירט אין געוויסע פלעצער אזוי און אזוי (ווי די מעשה מיט שינאווער רב זי"ע).

איך האב דאס געוואלט אנמערקן און אייך פרעגן אויב איר ווילט ארײנלייגן א הערה דערוועגן.

אפשר אז מענטשן זאלן פרעגן און וויסן אז עס איז נישט אנגענומען איבעראל...

א גרויסן יישר כח פארן הערליכן בלעטל וואס קומט ארויס יעדן איינציגן וואך אנגעפילט מיט הערליכע ברסלב'ע חומר פאר די גאנצע משפחה.

דא האט איר א בריוו וואס דער ראש ישיבה האט פאריאר געשריבן וועגן דעם נושא:

*בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת שלח, כ"א סיון, שנת תשפ"ה לפרט קטן*

*אויף אייער פראגע וואס איר זאלט טון מיט די רעש אויף אייער הענט, מוהרא"ש געבט א סגולה מען זאל נעמען פון די איבערגעבליבענע אויל פון די שבת לעכט און דאס אנשמירן אויף די רעש, וועט דאס זיין פאר א רפואה.*

*בנוגע וכו', דאס קען מען נאר אויסהיילן מיט תפילה והתבודדות, בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע מידות, רעדן שיין צו יעדן איינעם און זיך נישט אויפעסן פון מענטשן; נאר התבודדות ותפילה העלפט אויף דעם.*

*דאנקט דעם אייבערשטן וועט איר זען גרויסע ניסים.* **ע"כ**

יישר כח

***י. וו. בית שמש***

## צוריקלייגן די זמנים

יישר כח פאר די שיינע מאגאזין יעדע וואך!

די נייע אויסשטעל פונעם בלעטל איז זייער שיין..

איך האב געוואלט בעטן אויב מ'קען צוריק לייגן די 'זמנים' פון שבת אין בלעטל, ס'איז געווען א הילף פאר מיר צו וויסן ווען איז לעכט צינדן זמן און אזוי אויך די זמן מוצאי שבת.

אויך האב איך זייער הנאה פון די הלכה ווינקל, הלוואי עס וואלט געווען יעדע וואך.

א גרויסן שכח.

***ח. ב. קרית ברסלב***

**בלעטל:** א גרויסן שכח פאר די גוטע גריסן.

בנוגע די זמנים; אדרבה, אויב וועלן מיר הערן פון נאך ליינערס אז זיי ווילן מ'זאל צוריקלייגן די זמנים וועלן מיר דאס צוריקשטעלן.

מיר האבן דאס אראפגענומען ווייל די אויסשטעל האט זיך געטוישט, אבער אויב וועלן מיר הערן פונעם עולם אז דאס איז א וויכטיגע זאך וועלן מיר דאס צוריקשטעלן. מ'בעט דעם עולם זאל ארײנשיקן אויב זיי דארפן דאס.


לעצטע געלעגנהייט
זכותים בספר
פרק א' מו"ה דוד טשינגל הי"ו
פרק ב' מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו
פרק ג' מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו
פרק ד' מו"ה שלמה לאנדא הי"ו
פרק ה' לע"נ אברהם חיים אלתר בן ר' ידידיה
פרק ו' מו"ה משה מאסרי הי"ו
פרק ז' מו"ה עלי מזרחי הי"ו
פרק ח' מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו
פרק ט' מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו
ספר
אֶרֶךְ אַפַּיִם
אידיש
מהדורת היימליך
זכות פרק
$1,200
זכות בספר
$500
צו קויפן א זכות אינעם
ספר ווענדט אייך צו:
מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347.578.4449
קרן הדפסה
*sruliHeskel

פינטל.

# ווען דער כהן באקומט די COIN

די מעמד פון פדיון הבן זעט אויס אביסל ווי א פלעי, א פארשטעלונג, איז טאמער זענט איר נאך ביי קיין פדיון נישט געווען, וועל איך - כהן - אייך אויסזאגן ווי אזוי עס גייט צו, און ירא הקהל וישפוט...

דאס ווייסט איר דאך זיכער, עס איז דאך א פסוק מפורשת בתורה, אז ווען עס ווערט געבוירן ביי א איד א נייע יונגל בעיבי, ווען דאס איז דער ערשטע קינד צו די מאמע, מוז מען אויסלייזן דאס קינד, צו ער וויל יא צו ער וויל נישט. ער דארף געבן 5 שקלים פארן כהן און אויסלייזן דאס קינד, עס איז נישט דא קיין צוויי ברירות, די 5 שקלים מוז ער נעמען און אהינגעבן דעם כהן און אויסלייזן זיין קינד זיין בכור.

יעצט צום מעמד, מען מאכט א סעודה, דער טאטע פון דעם בכור ברענגט אריין אויף א גאלדענעם טאץ דאס קינד מיט קנאבל, צירינג, צוקער וכל מיני מטעמים און יעצט איז ווי דער פלעי הייבט זיך אן...

דער טאטע זאגט פארן כהן: דאס איז מיין זון מיין בכור און דער אייבערשטער האט מיר געהייסן אים אויסלייזן.

דער כהן פרעגט אים: וואס ווילסטו ענדערש? ווילסט מיר אהערגעבן דאס קינד און געשעפט איז געשלאסן, איך גיי אהיים מיט מיין נייער אדאפטירטער קינד, אדער ווילסטו ענדערש טון די מצוה וואס דו ביסט מחיוב מן התורה, מיר געבן די פאר טאלער און דו קענסט האלטן דיין קינד.

דו הערסט וואס עס טוט זיך דא? א ברירה? א בחירה? א אדער אדער? עס זעט אויס ווי - לאמיר זאגן דאס קינד האט אין די 30 טעג צאמגע'בוכה'ט אין די נעכט אריין, דער טאטע האט נישט געקענט פארמאכן קיין אויג, איז ער מחליט איך לייג אים אראפ ביים פייער סטאנציע (אזוי איז די מנהג ביי די אמעריקאנער), איז יעצט האב איך די גלענצענדע געלעגענהייט, איך וויל מאכן א ברוך שפטרנו, לאז איך אים איבער ביים כהן און איך וואק מיר אוועק... איר פארשטייט וואס דא טוט זיך?

אבער לאמיר טראכטן א טראפקעלע, איז דאס נישט אקוראט דעם רבי'נס וועג ווי ער האנדלט מיט אונז, איז דאס נישט די סיבה פארוואס מען טוט אונז אזוי פארשרייען, מען האלט אין איין קריגן אויפן רבי'ן.

דא ליגט א מורא'דיגע סוד, ווען דו האסט צו טון מיט א קינד וואס איז נעבעך געפאנגען ביים יצר הרע, (אדער ווען דיין אינער טשיילד געפינט זיך אין די מצב...) ער דארף האבן א פדיון הבן, מען דארף דאס קינד אויסלייזן, קומט אונז די תורה לערנען ווי אזוי דאס דארף צוגיין, וואס אן אמת קען עס ווערן געטון אויף צוויי וועגן, קענסט רעדן צו אים מיט באק ציין: ווארף אוועק אלע דיינע נארישקייטן, שפיל נישט דא קיין געימס, לייג דיך אריין ראשו ורובו אין די דלת בבות, העי גימל בבות (נישט פון בעל שם טוב, דער מגיד, און דער אלטער רבי) די דריי בבות, בחור'ל וואס ברויכסטו די גרויסע שמוץ טעלעפאן, נעם דיר אין די הענט אריין, אוי ווען דו וועסט נאר טועם זיין די טעם פון א תוספות, אה! וועסט זען די זיסקייט פון פארשטיין גוט א שטיקל גמרא תוספות. קענסט גיין מיטן מהלך פון צוויי פעטש... זעט אויס אז ער האט נאך נישט גענוג געכאפט... וואס איז די מעשה מיט אים... עס איז דאך א הלכה מפורשת... איך בין מוחה... ווי וואגט ער זיך צו גיין קעגן די תורה...., דאס איז די אלטע אויסגעטראטענע וועג וואס האט יעדער געפירט פילע גראד אין וכו' אריין

נקודות וואס
דערגרייכן דאס
פינטעלע איד

**הרב אברהם משה שטראססער**

נאכדעם איז דא דעם רבינ'ס זיסער וועג, מען שפילט ארום מיטן געפאנגענע קינד, דארפסט נישט פארשטיין קיין לערנען, נעם א משניות, זאג די ווערטער, דו ביסט אין שאול תחתית. איך האב דיר נישט געזאגט נעם דיך אין די הענט אריין! צו דו דארפסט? אוודאי דארפסטו! וואס איז די שאלה! דער חילוק איז ווי אזוי איך מאך די פלעי פארן קינד, ביסט אין שאול תחתית, שריי פון דארט צום אייבערשטן, האסט נעבעך א באהאלטענער אפיקומן ערגעץ וואס דו און דער אייבערשטער ווייסן וואס דו קוקסט דערויף, נעם דעם רבינ'ס וועג ארויס, זאג "באשעפער איך וויל זיין גוט". תשובה? עס האט צענדליגע סטעפס ווי אזוי מ'קומט צו תשובה, אבער דו גיי נישט יעצט און זאג אים אז תשובה איז פאר מלאכי מעלה, אוי ווי נעמט מען דעם אמאליגן תשובה. קום קיין אומאן, דו טראכט נישט יעצט וועגן עבירות - תשובה, זאג תיקון הכללי, גיי אין מקוה, טו גוטס, לערן, דאוון, רעד צום אייבערשטן, איך טו תשובה פאר ענק וואס ווייסט איר וואס תשובה איז - האט דער רבי געזאגט...

אוי ווי דאס נעמט ארויס מענטשן פון די גלייכגעוויכט. אוי ווי דאס רופט אויס בייז בלוט ביי מענטשן ווווואאאאססס? וואאאאאס? הייסט נישט דא קיין שכר ועונש ביי ענק? מען קען זיך טון וואס מען וויל און מפארצער אויף אומאן? מ'קען קויפן ריייייזייייגע טעלעפאנען און גארנישט? מען קען גיין בשאט נפש עובר זיין אויף כל התורה כולו און זאגן האשעם איי לאוו יו? מ'קען טרעטן אויף די תורה און ליינען אביסל משניות אויפן קאוויטש מיט א גלייכגילטיגקייט? און גארנישט?

דאס איז וואס די וועלט קען נישט פארשטיין, דאס איז ווי א חלק, מאנכע, ווערן נעבעך סטאק, זיי וואלטן געוואונען פון רבי'ן אלע עצות אלע חיזוק, אבער ביז אומאן, ביז טון וואס מען וויל און רעדן צום אייבערשטן, ביז דאס אז תשובה איז בלעטערן משניות.

עס איז א שפיל וואס נאר אויף דעם וועג איז מען מצליח צו מאכן אידישע קינדער ווייטער טון וואס איז ריכטיג. א פדיון הבן קען נישט גיין נאר אויף דעם וועג פון פרעגן און מאכן כאילו די ברירה ליגט אין זיינע הענט. אבער וואס אן אמת, לכו נא ונווכחה לאמיר זען ווי דער

## האסט נעבעך א באהאלטענער אפיקומן ערגעץ וואס דו און דער אייבערשטער ווייסן וואס דו קוקסט דערויף, נעם דעם רבינ'ס וועג ארויס, זאג "באשעפער איך וויל זיין גוט".

שעפעלע, דאס קינד גייט סייווי ווערן אויסגעלייזט, דאונט ווארי, האב נישט מורא, דאס איז א טריק ווי אזוי מען לייזט אויס א קינד, מען טאר אים נישט זאגן "קום אהער... יא... דא אין די טייל... האסט פארשטאנען... איין צוויי דריי..." נא נא נא, עס ארבעט נישט אזוי, עס ארבעט נאר נאר נאר מיט'ן רבינ'ס וועג, נאר מיטן פארנארן דאס קינד, דער טאטע קומט צום צדיק צום כהן און דער כהן פרעגט אים "ווי אזוי ווילסטו ענדערש" און קענסטיך פארשטעלן ווי אלע ווילן אריינשרייען "העי העי, וואדי מעשה דא, ער האט דען א ברירה?" שששששששששששששששש שששששששששששש ששששששששש, שטיי פון דער זייט און קוק גוט צו, יא דאס איז די וועג פון פדיון הבן, א פארשטעלונג, עס זעט אויס ווי מען געבט אים די ברירה צו בלייבן געפאנגען,

ברסלב'ער חסיד ווי במסתרים תבכה נפשי, ווי ער דראפעט זיך אויף גראדע ווענט, ווי עס רייסט שטיקער פון אים אז ער איז נישט ערליך, קוק ווי עס נאגט אים עס מאנט אים זיינע עבירות, און קוק א יאר צוויי דריי פיר, פאלאו אפ מיט אים (פארשטייט זיך אויף די תנאי אז דו וועסט נישט ארייגלייגן דיינע נעגל אין אים) פלוצלינג איז דא א טאטע, א מאמע, א אידישע שטוב, פלוצלינג איז ריין, שיין, זויבער. פלוצלינג איז דער שגץ... דער אויסגעשפיגענער... העי ווי קומט ער טאקע אז ער זאל באלאנגען דארט ביי ענק, ער זעט דאך אויס א לייטישער.

אבער אז מען גייט נאך בעקבי הצאן, דעם אויסגעטרעטענעם וועג פון הייליגן רבי'ן, אפשר טאקע אויפן מינוט שטימט עס נישט, אבער ברבות הימים תמצאנו, און דו וועסט זען ראו מה בין בני לבן חמי

# וועלטעלע




## אייער-פרייזן פאלן אראפ צום נידריגסטן שטאפל אין אסאך יארן

מיט בלויז עטליכע חדשים צוריק זענען די העדליינס אין די צייטונגען געווען אנגעפילט מיט שרייעדיגע קעפלעך: "אינפלעישאן איז געפערליך", "פרייזן זענען נישט אויסצוהאלטן", "מענטשן קענען זיך נישט ערלויבן פשוט'ע אייער", "פרייזן זענען ביי זיבן-אכט דאלאר." אמת, די פרייזן פון די אייער זענען טאקע שווער געווען. מענטשן האבן זיך זייער געמוטשעט דערמיט. א גרויסע משפחה וועלכע דארף האבן אסאך אייער, האט שטארק געשפירט די הויכע אייער-פרייזן.

דערנאך זענען געקומען די אנאליזן, אפהאנדלונגען, פאדקעסטס, און האבן איבערגעקייט און ווידערהאלט און פארפירט אז עס איז עק וועלט. די מצב איז געפערליך, די וועלט גייט אונטער, די עקאנאמיע איז אין דער ערד.

וואס גייט יעצט פאר? פארוואס הערט מען נישט די געשרייען? יעצט איז די מעשה פונקט פארקערט. אייער-פרייזן זענען די נידריגסטע אין גאר א לאנגע צייט. האלסעיל אייער-פרייזן זענען שוין אונטער זעכציג סענט. מ'קען שוין טרעפן גראסעריס וואס פארקויפן א דאזן אייער אונטער א דאלער. ווער האט געטראכט א יאר צוריק אז עס קען אנקומען צו דעם?

דאס איז די מידיע. זיי האבן ליב צו מאכן סענזאציעס. פארשפרייטן פאניק. דערשרעקן. דאס איז זייער פאך, און דאס איז איין סיבה פארוואס מען דארף שטיין ווייט פון זיי. קודם כל איז די פאניק געוועגליך איבעריג. דער אייבערשטער פירט די וועלט אזוי שיין, און עס איז נישטא פון וואס צו זיין דערשראקן. בכלל, וואס האט מען פון פאניקן? וועט דאס אראפברענגען די פרייזן?

נאך מער. ווען די פרייזן פון אייער זענען געווען הויך, זענען געווען אנדערע זאכן וואס זענען געווען גוט, און גאר גוט. אבער פון דעם האט דאן קיינער נישט גערעדט. פונקט ווי היינט רעדט קיינער נישט פון די גאר גוטע אייער פרייזן.

מיר ווילן לעבן מיט'ן רבינ'ס עצות, און קוקן נאר אויף די גוטע חלקים. "איי," ווילן די צייטונגען דרייען מיט'ן גראבן פינגער "מ'דארף זיין רעאליסטיש!" אמת, מיר ווילן זיין רעאליסטיש, איך וויל זיין אן ערליכער איד. איך וויל דינען דעם אייבערשטן. נאר דאס איז רעאליסטיש, און נאר דאס איז אמת. און כדי צו זיין אן ערליכער איד דארף מען זיין פריילעך. כדי צו זיין פריילעך דארף מען קוקן אויף די גוטע זאכן, און דאנקען דעם אייבערשטן דערויף

ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן, זאגט מען אים פון הימל, "דאנקסט? ביסט צופרידן? לאמיר דיר ווייזן וואס מיינט גוטס." חלילה וחס, א מענטש קרעכצט, זאגט מען אים פון הימל, "דו ווייסט בכלל וואס מיינט צרות?" ווען א מענטש זאל וויסן וואס מיינט צרות, וואלט ער נישט געקרעכצט.

מוהרא"ש פלעגט אונז אלעמאל מעודד זיין, מ'זאל גיין באזוכן אין די שפיטעלער. ווען מען קומט ארויס פון שפיטאל ווערט מען פריילעך. מען הייבט אן צו דאנקען דעם אייבערשטן, "איך קען גיין, איך קען זען, איך קען הערן, איך קען זיך אליינס באדינען, איך קען אליינס עסן." א מענטש ווערט אזוי פריילעך. ער הייבט אן טאנצן, "עס איז מיר גוט, מיין לעבן גייט מיר גוט," מען הייבט אן דאנקען דעם אייבערשטן.

קומענדיגע מאל ווען דו גייסט אין גראסערי, שטעל דיך אפ ביי די אייער און זאג, "שכח אייבערשטער, איך קען מיר ערלויבן צו קויפן עסן, איך דארף נישט בארגן."

גרשון קרעמער



## זאהראן מאמדאני ווערט מעיאר פון ניו יארק סיטי

נאך דעם גאנצן כאאטישן וואל-סעזאן, ווען די גאנצע שטויב האט זיך שוין געזעצט און די קולות זענען שטיל געווארן, איז דער מוסלמענער גוי, מאמדאני, איינגעשוואוירן געווארן אלס דער 111טער מעיאר פון דער גרויסער שטאט ניו יארק.

פון ווען ער איז אריינגעקומען אין אפיס האט ער אפגעשטעלט אפאר עקזעקעטיוו ארדערס וואס דער פריערדיגער מעיאר עריק עדעמס האט אינטערגעשריבן, אפאר פון די ארדערס איז געווען בנוגע אַנטיסעמיטיזם, וואס אסאך זענען ברוגז אויף אים וועגן דעם שריט.

אויך האט ער זיך גענומען צו דו האוזינג, זיך אנצונעמען פאר די טענענטס. דאס איז וואס ער האט געשריגן ביי זיין קאמפיין, אז מ'דארף מאכן די האוזינג מער עפארדעבל. ער האט געלאזט וויסן אז מ'גייט באשטימען געוויסע פלעצער וואו טענענטס וועלן קענען קומען איבערגעבן זייערע מיינונגען אויף די לענדלארדס.

דאס איז די וועג וויאזוי מ'פרובירט צו האבן די גאס מיט זיך, דורך דעם וואס מ'נעמט זיך אן פאר די טענענטס, ווייל נאך אלע מעשיות זענען זיי די רוב, במילא אז דו האסט זיי האסטו דעם המון עם מיט זיך. אבער לאמיר נישט פארגעסן וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז שטענדיג אז מ'קען נישט זיצן ביי איינעמס דירה אן צאלן רענט, אויב האסטו א טענה אויף אים זאלסטו גיין צו א רב א דיין פרעגן וואס מ'האט צו טון.

פארשטייט זיך וויבאלד ס'איז נאך ממש אנפאנג פון זיין אמט, קען מען נאכנישט קלאר זען וואס ער וועט אלס באווייזן אויפצוטון אדער גאר פארקערט, דאס וועט נאך נעמען א שטיק צייט.

עס איז א וואונדער וויאזוי מען זעט נאך די קארס פארן, מען זעט נאך פליגערס זיך הייבן, פאבריקן און געשעפטן גייען אן, בשעת דער עקסטרעם לינקער סאשעליסט איז שוין מעיאר פאר אפאר וואכן.

עס דערמאנט אונז פון די נייעס אין אמעריקע ווען דעם פארגאנגענעם מאנטאג ויחי האט דער גאנצער סענאט זיך צוזאמגעזעצט און מען האט זיך ארומגעשלאגן צי מען דארף יא אדער נישט איבערפאלן מאדורא, דער פירער פון ווענעזועלע. די דעבאטעס זענען געפלויגן אויף די העכסטע טענער, "מיר אין די הויכע פענסטער גייען באשליסן."

איין מינוט רבותי, דער מאדורא זיצט שוין לאנג אין אונזער בעק-יארד, מ'איז אים שוין לאנג איבערגעפאלן, מ'האלט שוין אלעס נאך אלעמען. עס איז א שאד די אלע זיצונגען, מען פארברענגט צופיל צייט אויף נארישקייטן.

ווי לאנג דו טענה'סט זיך ארום צי דער דרך הלימוד קומט יא פון רבי'ן אדער נישט. אין די זעלבע צייט האב איך שוין לאנג געלערנט עטליכע דפים גמרא, ח"י פרקים משניות, איך ענדיג כל התורה כולה. וועקט אייך אויף, פארוואס פארברענגסטו דיין צייט אויף נארישקייטן? מאמדאני איז אן אנטיסעמיט? איך הער וואס דו זאגסט, אין דער צייט האב איך געענדיגט מעביר סדרה זיין, בשעת דו פרובירסט אויפצואווייזן פאר דיין חבר אז ניו יארק וועט באלד אויסזען ווי ווענעזועלע דורך דעם סאשעליסט מעיאר.

יעצט בשעת זיי רעדן פון זאכן וואס מאכן גארנישט אויס, רעד איך צום אייבערשטן. איך בעט זיך איבער מיט אים, איך זאג אים צו אז איך וועל שוין זיין גוט, און האב נישט קיין טענות צו אים. דו קענסט זיך אויך מיטכאפן מיטן באן. קומסט?

# די אייזל פליט אויף האשקי

אסיפה רבתי!

איש בל יעדר!

קיינער טאר נישט פעלן!

ריזיגע פלאקאטן ווערן באהאנגען, טאקע דא אין די שטעטל אומגעגנט, אלעס ארום באהאנגען מיט די ריזיגע אנאנסן וואס טוען רופן כל הקהל הקודש צו די וויכטיגע איינמאליגע פארזאמלונג צו רעדן וועגן די עתיד!

יעדער מוז קומען, די צעטליך זענען אונטערגע'חתמ'עט פון די העכסטע פענסטער, פון די גרעסטע פון די גרעסטע, אלע מוזן קומען, קיינער טאר נישט פעלן.

די אסיפה וועט פארקומען זונטאג אום 10:00 צופרי, טעימה קלה וועט זיין צוגעשטעלט, טראנספארטאציע וועט זיין פון אלע היימישע געגנטער, מ'בעט דער עולם זאל קומען אין צייט.

פייערדיגע דרשות וועלן געהערט ווערן דורך וועלט בארימטע רעדנער וואס זענען געקומען ספעציעל לכבוד די מעמד.

די מעמד איז געאייגנט נאר פאר אלע בעלי חיים, קיין מענטש זאל זיך חס וחלילה נישט געפונען אינעם גאנצן אומגעגנט, עס וועט זיין גאר שווערע סעקיוריטי אויפן פלאץ.

אלע חיות און בהמות ווערן געבעטן זיך אויפצופירן ווי אזוי עס פאסט פאר חיות און בהמות אז ס'זאל נישט ח"ו ארויסגיין קיין שלעכטע נאמען אויף די חיות און בהמות.

די טאג איז אנגעקומען, ס'איז זונטאג צען מינוט צו צען, דער עלעפאנט שטייט ביים טויער, נאר חיות און בהמות קענען אריינקומען, ער האט א לאקש אויפן אויער צו מאכן זיכער טאקע אז קיינער כאפט זיך נישט אריין אומגערופן און אז ס'קומט פאר א פולע ארדענונג.

די זאל איז געפאקט עק צו עק, אלע חיות און בהמות פון גאנץ סאליווען קאונטי זיצן אינאיינעם פארזאמלט און מ'ווארט שוין אז דער ערשטער רעדנער זאל ארויפגיין צום בימה און אדרעסירן דעם עולם, רעדן דברים העומדים על הפרק.

דער פערד קומט ארויף אויפן בימה, אבער נישט סתם א פערד, א גרויסע גרויסע פערד, ער געבט א האק אויפן מייק, 'טעסטינג טעסטינג' יא מ'קען הערן?

מורי ורבותי, מיינע חברים און ידידים, אלע טייערע חיות און בהמות, שלום וברכה!

היינט וויל איך אדרעסירן עפעס וואס דרוקט מיר שוין לאנג אויפן הארץ ... אזוי ווי עטץ ווייסט דאך אוודאי, האבן זיך דא אין געגנט נעבן אונז אין ליבערטי אריינגעצויגן מענטשן, ברסלב'ע חסידים, און עטץ דארפטס אהינגיין קוקן וואס דארט גייט פאר, שולן, מוסדות, ביזנעסער, כוללים, א ישיבה, ס'איז אומגלויבליך און דאס אלעס אין קוים אפאר יאר...

און קוקט ווי אזוי מיר זעען אויס, פונקט ווי פאר טויזנט יאר צוריק, די מענטשן האבן זיך גערוקט

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



פאראויס, זיי לעבן א חיים טובים, נאר מיר בהמות און חיות זענען געבליבן צוריקגעשטאנען פונקט ווי מאז ומקדם, גארנישט געמאכט קיין פארשריט, זעראַ!

די צייטן זענען געענדיגט! מיר וועלן אויפשטיין פאר אונזערע רעכטן, מיר וועלן ווייזן פאר די וועלט אז מיר זענען גארנישט צוריקגעשטאנען, מיר זענען גארנישט אנדערש ווי אונזערע שכנים די מענטשן, אויב זיי קענען, דאן קענען מיר אויך!!!

יעצט נאכן מעמד וועלן אלע חיות און בהמות גיין קוקן וואס די מענטשן טוען, ווי אזוי זיי פירן זיך, און מיר גייען עס נאכמאכן, געענדיגט מיט די צוריקגעשטאנענע צייטן, מיר האבן א גאר גאר ברייטע פיוטשער, מיר וועלן ווייזן פאר די וועלט ווער מיר זענען!

א שטילקייט אין פעלד, קיינער רעדט נישט ארויס קיין ווארט פון מויל, מ'הערט נישט קיין שום מאָאָ אדער בּעעע, ס'איז שא שטיל, יעדנס אויגן איז געוואנדן צום פערד, זיי הערן ווערטער וואס זיי האבן נאך אין זייערע לעבן נישט געהערט!

דער פערד ענדיגט אפזאגן זיין שטייפע דרשה, די משא המעמד איז פאריבער, אלע זיצן דארט געפלעפט מיט די אפענע מיילער, אזעלכע פערל ווערטער?! ס'איז א נייע וועלט, נייע צייטן!

דער עולם נאכן מעמד שמועסט צווישן זיך, וועט מען דאס טאקע קענען באווייזן, כ'מיין סוף כל סוף זענען מיר בהמות נישט קיין מענטשן, קענען מיר דען נאכמאכן מענטשן??

דער אייזל מאכט יעדן שטיל: "ווי קענט עטץ אפילו פרעגן אזעלכע נארישע שאלות נאכן הערן אזעלכע קלארע דיבורים פונעם פערד! דער פערד האט דאך אונז קלאר געזאגט אז מיר קענען יא, מיר האבן די כוחות, מיר קענען זיין ווי וועמען מיר ווילן זיין! קיינער וועט אונז נישט אפשטעלן!"

"אדרבה" געבט דער אייזל א רוף אויס "קומט מיט מיר, איך וועל אייך ווייזן אז וועמען מיר ווילן קענען מיר נאכמאכן!"

אלע פאטשן פארן אייזל און דער אייזל לאזט זיך ארויס אויפן וועג קיין האשקי, "קומט נאך מיר" רופט ער אויס פאר יעדן, אזוי שפאצירן זיי אדורך די 52 ביז מ'האלט שוין אויבן ביים דענמאן בארג.

דער אייזל זעט א פייגל פליעט פארביי און דרייט זיך אויס צו אלע זיינע נאכפאלגער "חברה עטץ זעטס דעם פייגל פליען? פארוואס פונקט ער פליט? פארוואס זאלן מיר נישט קענען פליען?"

עס איז געענדיגט מיט די דיסקרימינאציע, פון היינט אן ווער ס'וויל זאל מעגן פליען, נישט נאר פייגל. און טאקע צו דעמאנסטרירן אונזערע כוחות וועל איך זיין דער נחשון און איך וועל ענק ווייזן אז אפילו אן אייזל אויב וויל ער נאכמאכן דער פייגל קען ער אויך פליען!

אבער דער אייזל קען נישט פליען, ער איז אן אייזל, ער האט זיך זיינע זאכן וואס ער קען טון, ער קען טראגן

און ברענגען, אן אייזל איז א וויכטיגע בהמה, אבער פליען קען ער נישט!

איבריג צו זאגן אז אזוי ווי ער האט נאר געוואלט אנהייבן פליען, האט ער זיך גוט גוט איבערגעקוצקעט און איז אנגעקומען ביז אונטן דעם האשקי בארג ביי איסט מאנגאפ, אלע זיינע

קענסטו טון דיין זאך!

איינער קען זיצן צען שעה געגאגלט אויפן בענקל און קנאקן בלעטער גמרא, און איינער קען טיילן צדקות פון מיליאנען, דו דארפסט גארנישט קוקן אויף יענעם און גליסטן צו זיין ווי יענעם, דו טו דיין זאך, נוץ די כלים וואס

ברענגען א נחת רוח פארן אייבערשטן, דאן וועסטו שטייגן און בליען צו די שענסטע וואס דו קענסט זיין.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

ווי קענט עטץ אפילו פרעגן אזעלכע נארישע שאלות נאכן הערן אזעלכע קלארע דיבורים פונעם פערד! דער פערד האט דאך אונז קלאר געזאגט אז מיר קענען יא!

ביינער צובראכן און צושאסן, ללעג ולקלס ביי אלע אנדערע בהמות. אלע דרייען זיך אויס, גייען צוריק אהיים און זענען מחליט מיט א שטארקע החלטה אז די פערל ווערטער פון אייזל און פונעם פערד וועלן זיי מער קיינמאל נישט אויסהערן.

און דו טאקע, טו די זעלבע. הער נישט אויס דיינע אייזלנישע און פערדישע געדאנקען אין דיין קאפ וואס מאנען ביי דיר 'פארוואס קען איך נישט זיין ווי יענעם?'

איך גיי אויך נאכמאכן יענעם, אויב יענער קען, דאן קען איך אויך!

ניין, אויב יענער קען טון זיין זאך,

דער באשעפער האט דיר געגעבן און מיט דעם זאלסטו שטייגן.

אויב וועלן דיינע אויגן זיין צוגעקלעבט ביים שכנ'ס פענסטער צו זען וואס יענער טוט, אפשר קען איך אים נאכמאכן, אפשר קען איך זיין פונקט ווי אים, קען זיין אז דו וועסט זיך איבערקוצקענען דעם גאנצן האשקי בארג פון אויבן און בלייבן מיט צובראכענע ביינער, ווייל דו קענסט נישט טון וואס יענער טוט, און יענער קען נישט טון וואס דו טוסט.

אנשטאט קוקן אויף יענעם, קוק אויף דיר, זע וואס קען איך היינט טון צו זיין מער אן ערליכער איד, ווי אזוי קען איך היינט מיט מיינע כשרות און יכולות



# א ווארט צווי

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

avorttzvei@bletelmagazine.com שיקט אריין אייער ווארט צווי צו

## סיבת השמחה

"די סיבה פארוואס אין היכל הקודש איז שמחה אזא פארנומענע נושא איז פשוט ווייל מיר האבן די מעגליכקייטן דערצו, ווייל אין שמחה כהתרת הספקות, נו אז מענטשן גייען ארום אן א קאפ און ברענען פאר שובבי"ם און וויסן די מענדעסטע אנונג וואס זיי האבן צו טון אויף למעשה, ער הערט א דרשה וועגן דעם טוט ער דאס, גייט ער צו א דרשה וועגן דאס טוט ער דעס - איז אפילו נישט שייך בכלל צו טראכטן פון זיין פרייליך ווען די קאפ איז אזוי צו'חוש'ט, מה שאין כאן - דער תלמיד היכל הקודש ווייס אזוי גוט וואס ער האט צו טון יעצט דא היינט שוין, און אפילו ער איז נעבעך אראפגעפאלן ווייסט ער גענוי וואס זיין קומענדיגע שטאפל איז - איז זיין פרייליך שוין נישט על מנת שתעלה לרקיע..."

**– ר' רפאל פורסט ביי שלש סעודות שבת פרשת שמות אין בית מדרש רחוב ירושלים**

## אור המצב

"תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית יואל האט זיך געעפנט אין די קאוויד ניינצן תקופה, ווען 'לאור המצב' איז נישט געווען אפן די חדרים, דעמאלט האט זיך געעפנט די לעכטיגע חדר וואס איז אן 'אור' המצב - עס איז א לעכטיגע חדר וואס שיינט אריין א לעכטיגקייט אין יעדן קינד..."

**– ר' יואל טייטלבוים – קרעמער**

# א בילד צווי

## מיסיס מאמי

א זיסע דאנק בריוועלע פון א קינד אין שטעטל צו טיטשער מאמי


לכבוד מיסיס מאמי שתחי'
מאמי איך בין דעטשי טיטשער, מזל טוב פאר
זיין אזוי שיין אויפגעבן אונזערע קינדער!
מיר זייען אזוי דאנקבאר פאר טיטשער
מאמי פארן זיך אוועקגעבן אזוי פיל פאר
אונז [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
מיר קענען אייך נאר באדאנקען פאר
אלעס וואס איר טוט
[illegible]
[illegible]
[illegible]

## דער ראש ישיבה האט געזאגט: תירוצים

"דאס וואס מען זעט ווי שווער עס קומט אן צו זאגן א גוט ווארט פאר די ווייב, דאס ווייזט אז דאס איז א הייליגע זאך. ווען מען וויל זאגן א גוט ווארט קומט גלייך אריין מחשבות אז מן הסתם דארף זי עס נישט יעצט, אדער איך וועל זאגן באלד ווען עס קומט אריין און אזוי ווייטער..."

**– שיעור ליל ששי שמות**

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## מח פארפרוירן

שאלה

פארוואס טוט מיין קאפ וויי ווען איך טרינק זייער קאלטע וואסער, אדער איך עס אייס קרים שנעל? איז עס א סכנה?

נח ק.

## ענטפער

דו ווילסט פארשטיין פארוואס די קאפ קען צומאל וויי טון ווען מען עסט אדער טרינקט א זייער קאלטע זאך שנעל. צוערשט איז גוט צו וויסן אז דאס מאכט זיך ביי אסאך מענטשן, סיי ביי קינדער און אויך ביי ערוואקסענע. אסאך מענטשן רופן עס א "ברעין פריז" (וואס מיינט בוכשטעבליך "די מח איז פארפרוירן..." ווייל אזוי שפירט זיך עס).

וואס פאסירט דא? לאמיר דאס מסביר זיין פשוט'ערהייט: ווען מען עסט עפעס זייער קאלטס זייער שנעל, ווערט דער גומען (גאמס) פון דיין מויל זייער שנעל קאלט. עס זענען דא דארט אונטער די הויט קליינע בלוט אדערן, און ווען זיי ווערן קאלט ציען זיי זיך צוזאם. ווען עס קומט אבער באלד צו פרישע ווארימע בלוט, ווערן זיי צוריק אויסגעשפרייט. די נערוו סיסטעם וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אינעם מענטש שיקט צומישטע סיגנאלן צום מוח, און דאס שפירן מיר ווי א "קאפ ווייטאג".

כאטש די ווייטאג שפירט זיך שטארק (ווי מען זעט פונעם צונאמען "מוח פריז"), איז עס אבער נישט קיין געפאר, און געווענליך גייט עס זייער שנעל אוועק. בדרך כלל אין ווייניגער פון א מינוט.

חז"ל זאגן "דרך ארץ קדמה לתורה", עס איז אייביג גוט צו עסן שטאט, אבער בפרט ווען מען עסט זייער קאלטע זאכן, און מען איז נישט אין די גוסטע פון א קאפ ווייי, זאל מען עסן און טרינקען רואיג און געלאסן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווען קייזערן און קעניגן וואלטן געוויסט די גרויסע דרך ארץ וואס איך לערן מיט מיינע מענטשן, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען ביי מיר." א איד בכלל און א תלמיד היכל הקודש בפרט דארף זיך אויפפירן מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ. אויך ביים עסן געדענקען מיר אז מיר זענען דעם אייבערשטנ'ס קינדער.

חז"ל זאגן: "אדם ניכר בכוסו, בכיסו, ובכעסו" - איינע פון די פלעצער וואו מ'קען זען ווער א מענטש איז, איז ביים עסן. א איד פירט זיך מיט דרך ארץ, זיצט ביים טיש, ער עסט רואיג, ער רעדט נישט אינמיטן קייען, ערווארפט נישט אראפ קיין עסן אדער רעפערס אויף דער ערד, קיינער איז נישט זיין משרת, ער רוימט אפ נאך זיך. אויב עפעס פאלט אראפ אדער גיסט זיך אויס, מאכט ער נישט ווי ער זעט נישט, נאר ער הייבט עס אויף, ער נעמט אחריות, אפילו עס איז א טעות, און אפילו יענער איז שולדיג, ווישט ער אפ.

ווען מען ברענגט אריין א גוטע זאך ביי א מסיבה, לויפט ער נישט, ער שטופט נישט. ענדערש ווערט ער גארנישט האבן, ווי איידער זיך אויפפירן ווי א חי', ער נעמט נאר וויפיל ער דארף, און אויב עס איז נישט גענוג, ווערט ער זיך רעכענען מיט אנדערע, און נישט כאפן אלעס פאר זיך. געדענקט: פון עסן מיט דרך ארץ דערלייגט מען גארנישט - אויסער קאפ ווייי...

האב איך א שאלה?
Askgershon@gmail.com - 845-445-7447 :פיקס

## היעפ פראגראם

מיט גרויס פרייד קענען מיר מעלדן פאר אלע טייערע חברים פון שטעטל אז אנגעהויבן פון די וואך זענעןביידע פראגראמען, סיי רעגולער HEAP און סיי עמערדזשענסי HEAP, אפן פארן סעזאן.

די פראגראמען וועלן אנגיין ביז דעם 7טן אפריל 2026, אדער ביז די געלטער וואס זיצט אין די קאסע וועלן אויסגיין.

עס איז זייער גוט פאר סיי ווער עס דארף צוקומען צו די הלף וואס דער פראגראם שטעלט פאר, עס איז ממש א שאד נישט צו נוצן די געלט וואס די שטאט גיבט אויב מען דארף צוקומען דערצו, בפרט יעצט ווינטער ווען מען פארניצט אסאך עלעקטריק צו הייצן די הייזער, איז וויכטיג אז מען זאל נישט אפשטופן דאס זיך ארויפסיינען אויפן פראגראם.

HEAP איז א פעדעראלער הילף פראגראם וואס העלפט פאמיליעס באצאלן הייצונג און אנדערע אויסגאבן. דורכן פראגראם קען מען באקומען א גרענט פאר עלעקטריט פארן גאנצן ווינטער, אין פאל פון נויט זענען אויך דא עמערדזשענסי גרענטס.

די אפליקאציעס ווערן אנגענומען דורך דעם דעפארטמענט פון סאציאלע סערוויסעס, דאס מיינט אז אויב האט איר פוד סטעמפס דארף עס נישט צו נעמען צו לאנג צו ווערן באשטעטיגט פאר די געלט.

די הנהלה האט געשטעלט מו"ה אשר בער אינדארסקי מו"ה צו ארויסהעלפן ווער עס דארף הילף מיטן אויסשרייבן די צעטלער.





ברוך השם אז אין ליכט פון די נייע יאר למספרם, האט די טאון און ליבערטי באשטעטיגט עטליכע היימישע אינגעלייט פאר פאזיציעס אין די פירערשאפט (זעט אינעם בייגעלייגטן צעטל).

דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן קענען העלפן אלעמען מיט סיי וואס עס זאל נאר אויספעלן.

TOWN OF LIBERTY
NEW YORK
*A GREAT PLACE TO WORK LIVE AND PLAY*

**RE-ORGANIZATIONAL MEETING**
119 NORTH MAIN STREET LIBERTY, NY 12754
DATE: 1/5/26
TIME: 6:30 PM

- Bank of New York (for Key Bank)

4. Designation of the Depository Banks
   - Jeff Bank
   - Key Bank
   - TD Bank
   - M&T Bank
   - Wayne Bank
5. Supervisor's appointments (1 year term)
   - Budget Officer-Cheryl Gerow
6. Set IRS Mileage rate for 2026 (72.5¢)
7. Appoint Dog Control Officer (1 yr. term)
   - Joanne Gerow
8. Appointment of Zoning Board Chairman (1 yr. term)
   - Robert Werlau
9. Appointment of Zoning Board Member for a term expiring 12/31/2030.
   - Gene Burns
10. (2) Alternate Zoning Board Members (1 yr. term)
    - Brad Cohert
    - Abraham Weberman
11. Appointment of Planning Board Chairman (1 year)
    - Lynn Dowe
12. Re-appointment of Planning Board member for a term expiring 12/31/2030.
    - John VanEtten
13. (2) Alternate Planning Board Members (1 yr. term)
    - Mordachi Heimlich
    - Kascper Sandelewski
14. Re-appointment of Board of Assessment Review for a term expiring on 9/30
    - Diane Silver

# פנינים

# דאס דאווענען אליינס איז זיס

ל עצטנס האט דער ראש ישיבה שליט"א מחזק געווען אנשי שלומינו איבער די הלכה פון נישט עסן און טרינקען פארן דאווענען, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (אורח חיים סימן פט, סעיף ג), און דער ראש ישיבה האט נאכגעברענגט וואס דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רעז) אז אפילו וואסער טרינקט ער נישט פארן דאווענען; און דער ראש ישיבה האט מדייק געווען אז מען רעדט פון חצות ביז נאך שחרית, דער רבי איז אויפגעשטאנען ביי חצות און אפילו אזוי האט ער נישט געטרינקען אפילו וואסער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די גאנצע טעם וואס מען האט מתיר געווען צו טרינקען א קאווע פארן דאווענען איז כדי צו האבן כח צו קענען דאווענען, און דער ראש ישיבה האט מחזק געווען אז מען זאל נישט עסן טשאקאלאד מיט די קאווע, און ווען איינער פון די בחורים פון ישיבה האבן געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ווען ער טרונקט וואסער פארן דאווענען מעג ער צוגיסן אביסל עפל דזשוס פאר א טעם האט דער ראש ישיבה געזאגט, אויב דו דארפסט עס צו האבן כח פארן דאווענען מעגסטו, אבער אויב עס איז נאר פאר א טעם מעג מען נישט.

* * *

עס ווערט דערציילט אויף צדיקים און ערליכע אידן ווי זיי האבן זיך מוסר נפש געווען נישט צו עסן פארן דאווענען, צווישן אנדערע ווערט דערציילט אויפן הייליגן רבי יהושע מריביטיטש זכר צדיק לברכה, בעל קרן יהושע (זיין זון איז געווען הרה"ק רבי ישראל מבלאזוב זכותו יגן עלינו, וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט א מעשה'לעך פאר קינדער פון אים, איבער א ברית מילה אין לאגער), אן אור איינקל פונעם הייליגן בעל בני יששכר זכותו יגן עלינו, אז ער האט געהאט זייער א שוואכע גוף, און ער האט שטענדיג געליטן פון מיחושים און שוואכקייטן, איינמאל איז ער אוועקגעפאלן און ער איז געווען אין א סכנה, די דאקטוירים וואס האבן אים באהאנדלט האבן אים אנגעווארנט אז כדי ער זאל בלייבן לעבן מוז ער טוישן זיין לעבנסשטייגער, און איינע פון די זאכן וואס זיי האבן אים אנגעזאגט איז געווען אז ווען ער שטייט אויף אינדערפרי דארף ער עסן א פיינע פרישטאג, נאך פארן דאווענען, כדי זיין הארץ זאל נישט ווערן אפגעשוואכט. ער האט אבער נישט מסכים געווען צו דעם, טענה'נדיג אז דאס איז קעגן די הלכה.

זיין זון הרה"ק רבי ישראל איז אריבערגעגאנגען צום זיידן דער בעל צבי לצדיק זכותו יגן עלינו זיך בעטנדיג ביי אים ער זאל משפיע זיין אויף זיין טאטן ער זאל פאלגן דעם דאקטער, און אזוי האט אים דער צבי לצדיק איינגעבעטן ער זאל פאלגן דעם דאקטער און עסן יעדע צופרי פרישטאג פארן דאווענען, אבער דער צדיק האט דאס נישט געקענט אויספירן...

איינמאל האט דער צבי לצדיק פארגעהאלטן זיין זון פארוואס ער פאלגט נישט, האט ער געבעטן רשות פון זיין טאטן זיך צו ערקלערן, ווען ער האט אים געגעבן רשות צו רעדן האט דער קרן ישועה געזאגט פארן זיין טאטן: "די סאלדאטן אין מיליטער מאכן יעדן טאג איבונגען, און אויב א סאלדאט פעלט פון די איבונגען באקומט ער א הארבע שטראף, חוץ אויב ער ברענגט א צעטל פון א דאקטער אז ער האט זיך נישט גוט געשפירט, דאן וועט ער נישט באקומען א שטראף, ער וועט אבער אויך נישט באקומען די אויסצייכענונגען און מעדאלן וואס אלע סאלדאטן באקומען סוף יאר, ווייל למעשה האט ער נישט געמאכט די נויטיגע איבונגען", האט דער צדיק אנגעהויבן וויינען צו זיין טאטן: "אויב וועט מיר דער טאטע צוזאגן אז איך וועל קיינמאל אין מיין לעבן נישט זיין א רבי, א מנהיג, וועלן איך אויספאלגן דעם דאקטער'ס באפעל, אבער וואס וועלן איך ענטפערן אויבן אין הימל ווען מען וועט מיך פארהאלטן, אז א שטראף באקומסטו נישט פארן

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

יואל שניצלער

עסן פארן דאווענען, ווייל דו האסט דאס געטון לויטן דאקטער'ס באפעל, אבער ווי אזוי האסטו גענומען אויף דיר די קרוין פון זיין א מנהיג עדה, אין אזעלכע אומשטענדן קען מען נישט טראגן א קרוין אויפן קאפ"... הערנדיג דאס האט דער צבי לצדיק אים געגעבן רעכט, און אים מער נישט געהייסן אויספאלגן דעם דאקטערס באפעל צו עסן פארן דאווענען.

* * *

איך האב לעצטנס געליינט, ווי א איד פון דער אלטער היים שרייבט אין זיינע מעמוארן וואס האט מיט אים פאסירט אין זיינע קינדערישע יארן זייענדיג א יתומ'ל, וואס שפיגלט אפ מיט וואס פאר א הארבקייט מען האט אמאל אנגעקוקט די זאך פון עסן פארן דאווענען.

שרייבט דער איד אזוי: עס איז אנגעקומען ראש חודש אלול, און אט באלד קומט שוין ראש השנה און יום כיפור און מ'דארף זיך דערמאנען די עבירות צו תשובה טון דערויף; ווי שטארק איך האב געזוכט און זיך פרובירט צו דערמאנען האב איך נישט געטראפן אויף וואס תשובה צו טון, איך האב נישט פארפעלט קיין איין טאג דאווענען, איך האב נישט פארפעלט קיין איין מאל אשר יצר, איך האב נישט פארפעלט קיין בענטשן, און אפילו איך בין געווען ארייינגעטון אין א שפיל און עס האט געגעבן א בליץ אדער א דינער האבן מיר אלע אויסגעשריגן אינאיינעם אין א הויך קול: "שכוחו וגבורתו מלא עולם!"

איך האב געזוכט און געזוכט און גארנישט געפונען, אבער אז מ'זוכט גענוג שטארק געפונט מען...

דורכאויס די זומער וואכן בין איך איין טאג געגאנגען אין חדר און איך האב געהאט צוויי עפעלעך וואס איך האב געקויפט פאר איין גראשן, איין עפל האט אויסגעזען זייער געשמאק און אפעטיטלעך און איך האב עס זייער שטארק געוואלט עסן, אבער וואס קען מען טון אז ס'איז נאך פארן דאווענען... אבער דער יצר הרע האט זייער שטארק געארבעט אויף מיר און איך האב געגעבן נאר איין ביס, עס איז טאקע געווען א פיינע עפעלע, און איך האב ליידער אויפגעגעסן דעם גאנצן עפל...

פלוצלונג האב איך געשפירט א שטאך אין הארץ פון די עבירה, וואס האב איך געטון רבונו של עולם? געגעסן פארן דאווענען?! איך האב געשפירט אז איך וועלן באקומען גאר א הארבע שטראף אויף דעם, אזש איך האב מורא געהאט אז איך גיי שטארבן וועגן דעם, אבער איך האב נאך געוואלט לעבן, איך בין נאך זייער יונג... אבער די עבירה האט געברענגט אין מיר און מיך געפייניגט אן קיין מנוחה...

עס איז אנגעקומען דעם הייליגן טאג ראש השנה, מיר זענען אלע געווען אין שול, און איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן און געווינטשן צו אים ער זאל מיר מוחל זיין אויף די עבירה, און איך האב צוגעזאגט פארן אייבערשטן אז איך גיי דאס מער נישט טון, און איך וועלן זיך שוין פירן ערליך און וואויל.

פלוצלונג ווערט א רעש אין שול, אלע מתפללים זענען זייער דערשראקן, אלע זענען געלאפן צו די פענסטער און זיי האבן געזען אז גאנצע מחנות סאלדאטן נעמען ארום דעם שול צו אפהאלטן די קינדער פון אנטלויפן, און די טרויעריג בארימטע כאפערס (צו נעמען די קינדער צו די צארישע ארמיי) קומען אריין אין שול, זיי הייבן אן כאפן קינדער און געבן זיי איבער צו די סאלדאטן, די עלטערן זענען געווארן פארלוירן און אנגעהויבן לויפן דערשראקענערהייט צו פרובירן ראטעווען די קינדער, און די קולות האבן דערגרייכט דעם זיבעטן הימל.

איך בין על פי נס ניצול געווארן, זעט זיך אויס אז מיין תפילה און תשובה איז אנגענומען געווארן, דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר.

עכ"פ, זעט מען פון די מעשה ווי הארב א פשוט קינד האט אנגעקוקט די זאך פון עסן פארן דאווענען.

* * *

שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה לייגט אריין אין אונז א זיסקייט אינעם דאווענען, דער ראש ישיבה געבט אונז די זיסע טשאקאלאדיגע טעם פון לערנען פארן דאווענען, פון רעדן אביסל צום אייבערשטן פארן דאווענען, פון גיין אין מקוה פארן דאווענען, אזוי אז די דאווענען אליינס איז זיס און געשמאק, אזוי ווי דער ראש ישיבה ברענגט אין א בריוו די ווערטער פון הייליגן רבי'ן אין לקוטי מוהר"ן (חלק א, סימן סה), ווען מען זאגט ארויס די ווערטער ביים דאווענען בעטן זיך די ווערטער ביים מענטש, גיי נישט אוועק פון אונז, ווי אזוי קענסטו אוועק גיין פון מיר, פון גרויס ליבשאפט וואס מיר האבן, דו זעסט דאך מיין שיינקייט, מיין לויטערקייט, מיין פרעכטיקייט, ווי אזוי קענסטו זיך פון מיר שיידן? ביסט גערעכט אז דו דארפסט ווייטער ענדיגן דאווענען, און קלויבן נאך שיינע סגולות מיט די ווערטער פון דאווענען, אבער ווי אזוי קענסטו מיך אפלאזן? בעט איך דיר פארגעס נישט פון מיר וכו' וכו'.

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

# א שידוך שוין יעצט

**עצתו אמונה וארא תש"פ**

## שאלה

*לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א*

*אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר מִיר. זַייט אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן מַמָּשׁ מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.*

*אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּים צוּ זַיין גַאנְץ שַׁ"ס, 101 מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, 43 מָאל מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, 18 מָאל מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, 21 מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גַאנְץ נַ"ךְ, תּוֹסֶפְתָּא, יְרוּשַׁלְמִי בִּיז מַסֶכֶת עֵירוּבִין, 6 מָאל סֵפֶר הַמִדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַ חֵלֶק פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן.*

*יֶעצְט הָאבּ אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית אוֹיךְ מִיט דִי רַשִׁ"י'ס, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג בַּיִת נִצְחִי אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. סְ'אִיז נִישְׁטָא דִי װֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט מִיט מִיר.*

*פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל, סְ'אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר סַיי וֶועלְכֶע שִׁידוּךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה, וֶועלְכֶע שְׁטָאט, וֶועלְכֶע לְבוּשׁ, אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט וַוארְטְן נָאךְ אֵיין טָאג.*

*יְיַשֵׁר כֹּחַ.*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיוּמִים.

גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג; דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק לו): "אַלֶע שְׁבָטִים, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט זֵיי זֵייעֶר זִיווּג, חוּץ יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אָן אַ זִיווּג"; יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַיין שִׁידוּךְ? אַלֶע מַיינֶע בְּרוּדֶער הָאבְּן שׁוֹין זֵייעֶר שִׁידוּךְ', יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעהַאט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען. מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען לוּסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה ד, ז): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לא, ח): **"אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה בְּחַסְדֶּךָ וְגוֹ' - זֶה יוֹסֵף"**, עַיֵּין שָׁם.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער בְּלִימוּד הַתּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן - וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט; עֶר שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְּן אוּן עֶר לֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, וֶוען עֶר הָאט אַפָאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיּוֹת, אַ גְמָרָא וְכוּ' אוּן אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# מעשיות פון תפילה



**מלמד תינוקת** | ניו יארק

איך בין א מלמד. איך בין נישט געווען אין קלאס פאר א לאנגע צייט נאכן דארפן אוועקפארן פאר א שטיק צייט. ביים צוריק קומען אין קלאס, האב איך געשפירט אז איך האב נישט די קלאס אין די הענט, ס'גייט מיר נישט, די קלאס פארט אויף רעדער. וואס טוט מען דא?

ביי לאנטש בין איך געגאנגען אין א ווינקל און געבעטן דעם אייבערשטן פון טיפעניש פון מיין הארץ אז איך זאל צוריק באקומען קאנטראל אויף די קלאס, איך קען נישט אזוי לערנען מיט די קינדערלעך ווען די כיתה פארט אויף רעדער.

שכח אייבערשטער אז נאך לאנטש האט זיך געטוישט די גאנצע בילד, אלע קינדער האבן שיין מיטגעהאלטן און אויסגעהערט, ס'איז געווען א מחי'.

**יודל בנציון ווערצבערגער** | מאנסי

די העדלייטס פון מיין קאר האט אויפגעהערט ארבעטן, איך האב געטראכט איך וועל יעצט דארפן גיין צו א מעכאניקער פארריכטן, ס'גייט קאסטן געלט פארשטייט זיך. איך האב נישט געוואלט ס'זאל מיר קאסטן געלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ווערן פארראכטן אן קיין גרויסע קאסטן. למעשה האט מיר א חבר געזאגט אז איך קען אליין קויפן די לייט און עס ארײנלייגן. איך האב געקויפט דעם לייט. שכח אייבערשטער אז איך האב דאס געקענט ארײנלייגן און עס ארבעט א מחי'.

**מרדכי איידליס** | קרית ברסלב

1. ביי מיין ברודער'ס חתונה האב איך געהאט איבערגעלאזט א וויכטיגע בעג אין ישיבה, ס'איז געבליבן פארשפארט אין א צימער וואס כמעט קיינער האט נישט די שליסל. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנקומען צו מיר.

למעשה האב איך געטראפן א בחור וואס האט געקענט ארײנגיין אינעם צימער. ער איז ארײנגעגאנגען דארט, ער האט געזוכט די בעג אין אלע זייטן אבער ער האט עס נישט געקענט טרעפן.

ער רופט מיר אן אז ער זעט עס נישט. איך האב געטראכט אז מן הסתם איז גוט אזוי, דער אייבערשטער וויל דאס.

אבער נאכדעם האב איך געכאפט אז דאס איז פשוט יאוש, איך גיי נישט אויפגעבן אויף דעם, איך גיי נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן. איך האב געמאכט נאך א תפילה עס צו טרעפן. שפעטער בין איך געווען ביי מיין מאמע אינדערהיים און איך זע דארט ליגן די בעג וואס איך האב איבערגעלאזט אין ישיבה, זעט אויס זי האט עס געזען דארט ליגן און עס אהיימגעברענגט צו איר הויז.

2. ברוך השם איך לערן אין כולל היכל הקודש אין שטעטל. איך האב ארײנגעלייגט מיין לייסענס קארטל אין א ספר וואס איך האב גענוצט צו לערנען, כדי צו געדענקען וואו איך האלט. אביסל שפעטער נאכן לערנען האב איך מיך געכאפט אז איך האב דאס איבערגעלאזט אין א ספר. איך האב געזוכט דעם ספר אבער נישט געטראפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס טרעפן. שכח אייבערשטער איך האב דאס געטראפן גלייך נאכדעם



*אין קורצן פון פריער: ר' יצחק הערמאן ז"ל ציעט זיך מיט זיין משפחה קיין אמעריקע, זייע זון יעקב יוסף טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*מרת אסתר הערמאן ע"ה פארציילט פון אירע יוגענט יארן.*

*און יעצט ליינט ווייטער.*

אין א טאג האט אסתר אנגעהויבן ווייזן סימפטאמען אז זי שפירט זיך נישט גוט. דאס קינד האט אנגעהויבן פיבערן און נישט געהאט קיין כח ארויסצוקומען פון בעט. די מאמע האט זיך זייער געזארגט אז אסתר זאל חלילה נישט ווערן אנגעשטעקט מיט דיפטעריע.

אין יענע צייט האט זיך ארומגעדרייט א מחלה מיטן נאמען "דיפטעריע". דאס איז געווען אן אנצינדונג אין די נאז און האלז וואס האט געקענט זיין א לעבנס-געפאר.

מען האט גערופן דעם דאקטער אין שטוב און ליידער האט ער מבשר געווען די בשורה וואס זיי האבן אזוי שטארק נישט געוואלט הערן: "דיפטעריע."

דער דאקטער האט געהייסן אז מען מוז איר תיכף אריינפירן אין שפיטאל.

דאס יונגע קינד איז געלעגן אין שפיטאל און געשוועבט צווישן לעבן און טויט. דערווייל זיצט די ערליכע מוטער אין דער זייט און ווייקט אדורך דעם תהלים מיט אירע טרערן. אויך האבן אלע נאנטע און פריינט זיך אנגעשלאסן און אסאך תפילות געגאסן פאר די יונגע אסתר.

ר' יעקב יוסף האט צוזאמגענומען א מנין אידן און אינאיינעם אראפגעפארן צום ציון פון דעם הייליגן רב הכולל רבי יעקב יוסף זצ"ל. דארט ביים ציון האט ר' יעקב יוסף צוגעגעבן דעם נאמען "חי".

ווי באקאנט, זאגט דער הייליגער רבי אין ספר המדות אז ביים ציון פון א צדיק קען מען פועל'ן ישועות אפילו דער מענטש איז נישט ווערד דערצו.

די וואך איז אריבער אין שפיטאל, בשעת אסתר ווייזט נישט קיין שום סימן פון פארבעסערונג.

דאנערשטאג איז ר' יעקב יוסף געקומען אין שפיטאל און זיך געווענדט צו זיין פרוי, "איידל, וואס וועט זיין? עס איז דאנערשטאג. ווי וועלן מיר דארפן אפזאגן אלע אורחים די וואך?"

איידל איז געזעסן דארט אין א פארלעגנהייט. אבער ר' יעקב יוסף האט איר נישט געלאזט לאנג טראכטן, "גיי אהיים און גרייט אן דעם שבת פאר אלע געסט. אין דעם זכות וועט זיך דער "בעלאבאס" זיכער מרחם זיין און שיקן א רפואה שלימה פאר אונזער 'חי' אסתר'."

איידל האט איינגעזען אז איר מאן איז גערעכט און זי האט זיך געזעגנט פון איר טאכטער און איז אהיים צוגרייטן דעם שבת מיט שמחה.

יענעם שבת איז ר' יעקב יוסף געווען ספעציעל פריילך. אויך איידל האט מכבד געווען דעם שבת מיט גוטע עסן און מיט א פריילך געמיט. די געסט האבן נישט גע'חלומ'ט וואס איז אריבער אויף די הערמאן משפחה די וואך.

ר' יעקב יוסף מיט זיין ווייב האבן נישט ארויסגעוויזן קיין שום סימן פון זארג אדער שרעק.

געוויסע קרובים וואס זענען דארט געווען זענען אבער נישט געווען אזוי רואיג און האבן נישט געקענט באהאלטן זייער אנגעצויגנקייט.



## ת. מאנן 6

איין מומע איז געווען אזוי אנגעצויגן אז זי האט זיך געשטעלט אין גאס און געווארט צו זען אויב עס קומט נישט א שליח פון שפיטאל מיט די ביטערע בשורה אז אסתר האט עס נישט אדורכגעמאכט. ליידער איז געווען זייער זעלטן צו הערן א פאל אז א יונג קינד זאל איבערלעבן די מחלה.

נו, אז מען ווארט אפ נייעס, קומט עס אן. שבת אינדערפרי איז אנגעקומען א טעלעגראם פון שפיטאל מיט די ביטערע בשורה.

די מומע וואס האט אזוי שטארק אפגעווארט די בשורה איז טאקע געווען די וואס האט איבערגענומען די טעלעגראם. זי האט אבער נישט געוואלט צושטערן דעם שבת פון איר ברודער (ר' יעקב יוסף), דעריבער איז זי אריין אין די שטוב פון א שכן און אינאיינעם האבן זיי שרעקליך געוויינט א גאנץ שבת. זיי האבן געטראכט אז זיי וועלן אריינקומען צו די הערמאן משפחה נאך הבדלה און דאן איבערגעבן די טעלעגראם מיט די שרעקליכע בשורה.

תיכף נאך הבדלה, נאך איידער די מומע האט געהאט א געלעגנהייט אריינצוקומען אין שטוב, איז אנגעקומען פון שפיטאל א צווייטע טעלעגראם מיט די בשורה, "אסתר הערמאן לעבט און איז איבערגעקומען די געפאר!"

וואס האט דא פאסירט? ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט, האט די שפיטאל געמאכט א טעות. נעבן אסתר איז געליגן א צווייטע קינד מיט די זעלבע מחלה און יענע קינד האט עס נעבעך נישט געמאכט. די שטאב האט אבער בטעות געשיקט די בשורה צו די הערמאן משפחה.

ווען ר' יעקב יוסף האט געהערט וואס עס האט זיך אפגעשפילט שבת ממש אונטער זייער טיר, האט ער זיך אנגערופן צו זיין פרוי און קינדער, "זעט נאר ווי דער שבת און די אורחים האבן אונז געהיט!"

ר' יעקב יוסף האט געהאט א גוטן שותף אין זיין הכנסת אורחים ביזנעס. זיין ווייב איידל. עס איז געווען אן אפטע ערשיינונג אז א איד אדער צוויי, אדער צען אדער מער, זאלן אריינקלאפן צו די הערמאן משפחה און פרעגן אויב זיי קענען דא עסן א כשר'ע נארהאפטיגע מאלצייט.

משפחת הערמאן איז געווארן די אדרעס פאר פילע אידן וואס זענען געקומען פון אייראפע און געזוכט א ווארעמע, היימישע פלאץ צו עסן אדער שלאפן.

איין טאג האט אריינגעקלאפט אן איד צו דער הערמאן משפחה. מרת. הערמאן האט געעפנט די טיר. יענער האט זיך אביסל געשעמט און דערציילט אז ער האלט זיך אויף אין ניו יארק פאר א וואך צוויי און ער האט זיך נאכגעפרעגט ווי מען קען עסן א גוטע כשר'ע סעודה, האט מען אים געגעבן די אדרעס.

דער איד פרעגט אויב ער קען "באשטעלן" צו עסן און פארשטייט זיך אז ער איז גרייט און וועט באצאלן פאר אלעם.

"איר קענט עסן דא ווילאנג איר ווילט," האט מרת. הערמאן ברייטהארציג אנגעטראגן, "און וועגן דעם געלט, וועלן מיר זיך אדורכרעדן איידער איר פארט אהיים."

דער איד האט זיך מחיה געווען און פארברענגט ביי דער הערמאן משפחה מיט א רואיגע געמיט. נאך אלעם וועט ער באצאלן פאר די סעודה.

ווען דער איד האט זיך געגרייט צו גיין, איז ער צוגעקומען צו מרת. הערמאן און זיך הערצליך באדאנקט פאר די געוואלדיגע מצוה וואס זי האט געטון מיט אים און פאר די הכנסת אורחים.

דער איד האט ארויסגעצויגן זיין טייסטער גרייט צו באצאלן, אבער מרת. הערמאן האט אים אפגעהאלטן. "איר פארשטייט אליינס אז איך גיי נישט פארקויפן די מצוה פאר געלט."

"אבער... מרת. הערמאן..." איז דער איד געווען צעמישט, "איר האט געזאגט אז מיר וועלן זיך אדורכרעדן איידער איך פאר אהיים." "נו," האט מרת. הערמאן געזאגט מיט א שמייכל, "מיר האבן זיך יעצט אדורכגערעדט!"

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## אוי ווי דאקטאר!
## מיינע אויגן איז נישט געזונט!

נעמט ארויס א בליי ביטע, מיט צוויי פאפירעלעך און איר וועט געהאלפן ווערן בעזר השם.

אויף די ערשטע פאפיר שרייבט ביטע די אותיות ס' ד' פ' א'.

מען זאגט עס ארויס צוזאמען, סאדפא, אזוי ווי מען וואלט געזאגט די ווארט SADFA.

מיר וועלן דאס צולייגן אז עס זאל זיין גרינגער צו פארשטיין.

ס' מיינט סטרעפ.

למשל איינער שטייט אויף צופרי און זיין האלז פילט ווי כאילו א קעצעלע האט דארטן ארומגעגראדזשעט, עס טוט איס ווי יעדע שלינג, ער האט א סטרעפ לא עלינו (STREP THROAT).

די ד' מיינט דאקטאר.

יעצט גייט מען צום דאקטאר.

פ' מיינט פרעסקריבשן און אויך מיינט עס פארמאסי. יעצט וועט איר מוזן נעמען די רעצעפט וואס דער דאקטאר האט געגעבן און כאפן א שפאציר צו די פארמאסי.

א' מיינט אייננעמען.

ארויסנעמען די פרעסקריבשן איז נישט גענוג, מען מוז עס אייננעמען. איר וועט מוזן אייננעמען די פענעצילין וואס דער פארמאסי האט אייך געגעבן אויפ'ן באפעל פון דעם דאקטאר.

אז איר ווילט זען רעזולטאטן אין לעבן, נעמט ביטע דאס צווייטע צעטעלע און שרייבט ארויף א ס'.

יעצט לאמיר א קוק טאן צו איז דא חלילה ערגעץ וואו אין דעם קערפער סיי וואס פארא סארט סטרעפ חלילה, אדער סיי וואס פארא מחלה חלילה, הייליגער באשעפער, צו האב איך א סטרעפ אויף מיינע אויגעלעך? הייליגער באשעפער צו איז מיינע אויגן אין ארדענונג? צו קוק איך וואס איך דארף נישט?

הייליגער באשעפער, צו האב איך א סטרעפ אויף מיינע אויערן? הייליגער באשעפער צו איז מיינע אויערן אין ארדענונג? צו הער איך וואס איך דארף נישט? צו הער איך רעדנערס וואס רעדן פון אלדינג נאר נישט פון דעם אייבערשטן? צו הער איך א פאדקעסטער וואס קוקט אויף אידישקייט ווי אויף א אלטע יאנטשי' אויסגעוועטשטע זאך? צו הער איך א פאדקעסטער וואס רעדט פון געלט אזוי ווי געלט איז א אפגאט וואס קען חלילה העלפן אין צייט פון א צרה? צו נעם איך אוועק צייט פון מיין ווייב און קינדער צו הערן נאראנים רעדן פון ליידיגע נושאים וואס איז מיר נישט נוגע אויף היינט? צו הער איך אפשר רעדנערס וואס האבן נישט קיין דזשאב און געבן עצות פאר פרנסה? צו הער איך אפשר רעדנערס וואס האבן נישט קיין שלום בית און געבן עצות אויף שלום בית? צו הער איך אפשר א רעדנער וואס דאוונט אום דרייע אין אפיס ביים כותל און ער געבט עצות אויף א מסודר'דיגע סדר היום?

הייליגער באשעפער, צו האב איך א סטרעפ אויף מיין מויל? צו רעד איך צו מיין ווייב אזוי ווי מען רעדט מיט א קאלטקייט צו א סטרענדזשער (STRANGER) אין עלעוועיטער? צו רעד איך צו מיין קינד אזוי ווי מען רעדט צו א נודניק וואס מען וויל שוין פטור ווערן פון איס?

יעצט שרייב אויפ'ן צווייטן פאפיר א ד'.

ד' איז דאקטאר.

איך מוז לויפן צום דאקטאר עי. עס. עי.

**משה אריה שניצלער**

פי.

אוי ווי דאקטאר! מיינע אויגן איז נישט געזונט! מיינע אויערן זענען נישט געזונט! מיין מויל איז נישט געזונט!

אויך מוז לויפן צו א דאקטאר וואס קען היילן מיינע אויגן פון די נישט גוטע זאכן וואס איך קוק, און מיינע אויערן פון די נישט גוטע זאכן וואס איך הער, און מיין מויל פון די נישט גוטע זאכן וואס איך זאג צו מיינע ארומיגע.

אז איך וועל גיין צום דאקטאר וועל איך ווערן געהיילט פון אלע מיינע פראבלעמען.

אין יעדן דור איז דא א ערליכער איד וואס קען אויסהיילן דעם מענטש פון אלע פראבלעמען דורך אים דערמאנען כסדר צו רעדן צום אייבערשטן.

דער הייליגער רבי נתן זכותו יגן עלינו זאגט (ליקוטי הלכות, הלכות בשר בחלב, הלכה ה, אות ח) אל תאמין בעצמך עד יום מותך, גלייב נישט אין דיר ביז'ן לעצטן טאג אין לעבן, ווען דו ביסט בעצמך, ווען דו ביסט אליין, ווען דו ביסט נישט מיט א צדיק.

ווייל ווען א מענטש איז מיט א צדיק וועט ער בוודאי איבערקומען אלע זיינע שטרויכלונגען, און וועט ווערן אויסגעלייזט פון אלע זאכן וואס שטערן אים.

און דאס גייט אן בכל דור ודור, אין יעדן דור איז דא ערליכע אידן וואס קענען ברענגען דעם מענטש צום אייבערשטן, אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט (ג' כי תצא ז' אלול תשס"ג) בכל דור ודור יש צדיקים אמיתיים הדבקים בו יתברך, ובוודאי צריכים לחפש ולבקש אחריהם, אין יעדן דור איז דא צדיקים.

און ווי מוהרא"ש ברענגט (ה' וארא כ"ח טבת תשע"ג) פון הייליגן תפארת שלמה זי"ע כמו שהקדוש ברוך הוא נמצא, כך יש צדיקים בכל דור ודור, אזוי ווי עס איז אמת אז דער אייבערשטער איז אלעמאל דא, אזוי איז אלעמאל דא צדיקים.

יעצט קומט די פ'

יעצט אז דו ביסט שוין מיט א צדיק, דו לערנסט דעם רבינ'ס ספרים, אז דו לערנסט שוין אשר בנחל, אז דו לערנסט שוין עצתו אמונה, אז דו זעסט שוין די "פרעסקריבשן" אז מען דארף זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן, דארף מען ארויסנעמען די פרעסקריבשן אין פארמאסי, און עס אייננעמען.

דאס איז די א'

מיר וועלן מוזן נעמען די עצה פון זאגן משניות און עס אייננעמען.

אויב מיר וועלן נישט אריינגעמען די משניות אין זיך איז דאס א נישט געזונט עסק.

סתם גיין צום סטרעפ דאקטאר און נישט אייננעמען די פענעסילין איז נישט קיין געשעפט.

סתם זיך דרייען אין ברסלב און פארגעסן צו זאגן אביסל משניות יעדן טאג איז גאנץ א אומבא'טעמ'טע מעשה.

סתם אפלאכן פון חברים וואס זענען נישט אין ברסלב, בשעת איך אליין האב היינט נישט געזאגט א גוט ווארט פאר די ווייב, איז א לעכערליכע לעבן.

די סאדפא זאך ארבעט פיין, אבער עס לויפט אויס, ווען עס גייט אריבער כך וכך צייט פון די לעצטע משניות דאזע, ווערט עס אביסל אזוי ווי אויסגענוצט, און מען מוז שנעל אייננעמען נאך א דאזע פון די משניות פענעצילין.

צו הער איך א פאדקעסטער וואס רעדט פון געלט אזוי ווי געלט איז א אפגאט וואס קען חלילה העלפן אין צייט פון א צרה?

צו נעם איך אוועק צייט פון מיין ווייב און קינדער צו הערן נאראנים רעדן פון ליידיגע נושאים וואס איז מיר נישט נוגע אויף היינט?

# א מעשה פון א צדיק

# לויפט אינמיטן שלאף

אהרן קליטניק

אין ירושלים האט געוואוינט א רב, א גרויסער צדיק, א ירא שמים, רבי חיים מאיר אונגאר זכר צדיק לברכה וואס איז געקומען פון אויבערלאנד און איז געווען רב אין שטאט לאקענבאך.

דער לאקענבאך רב איז געזיצן און געלערנט טאג און נאכט, אבער ווי נאר ער האט געהערט אז א איד האט א צרה, האט ער אלעס אין די וועלט געטון אים צו העלפן. ער פלעגט אנזאגן זיין ווייב אויב איינער וועט קומען ווען ער שלאפט זאל זי אים אויפוועקן, חס ושלום אפשטופן א איד וואס דארף הילף. ווען ער פלעגט זיך לייגן שלאפן האט ער געלייגט זיין רעקל און שיך נאנט צו זיין בעט ווייל אויב מען גייט אים אויפוועקן אז א איד איז אין א צרה זאל ער גלייך אויפשטיין און זיך קענען אנטון גאר שנעל צו קענען העלפן א צווייטן איד.

איינמאל אינמיטן די ווינטער ווען עס איז געווען זייער קאלט אינדרויסן האט דער הייליגער טאקייער רב זכרונו לברכה אויסגעפונען אז א געוויסער איד איז פארפלאנטערט געווארן אין א פראבלעם וואס צו ארויסקריכן פון דעם צרה נויטיגט זיך אסאך געלט. האט טאקייער רב געשיקט זיין זון – מוהרא"ש ז"ע צום לאקענבאך רב צו דערציילן די געשיכטע אז דער איד דארף אסאך געלט.

מוהרא"ש ז"ע איז געווען דעמאלט א קליין אינגל, ער קומט אן צום הויז פונעם לאקענבאך רב, די רעבעצין עפענט די טיר, און מוהרא"ש דערציילט איר די גאנצע געשיכטע וואס זיין טאטע דער טאקייער רב האט אים געבעטן איבערצוגעבן פארן רב אז מען דארף גאר וויכטיג העלפן א איד.

למעשה איז ער דעמאלט געשלאפן, איז די רעבעצין געגאנגען אים אויפוועקן. וויבאלד מוהרא"ש איז געווען א קליין אינגל איז ער איר נאכגעגאנגען און געזען ווי נעבן זיין בעט איז דא א בענקל און עס ליגט אויף דעם זיין פעלץ, זאקן און אלע אנדערע קליידער.

די רעבעצין האט אים אויפגעוועקט זאגענדיג מען דארף העלפן א איד, ווי נאר ער האט דאס געהערט איז ער אויפגעשטאנען מיט א זריזות, זיך געוואשן די הענט, און ביז געציילטע סעקונדעס איז ער געווען אנגעטון, און איז ארויס געלאפן פון שטוב ווי א קינד.

מוהרא"ש איז דעמאלט געווען א קליין אינגל , איז ער אים נאכגעלאפן און געזען ווי ער גייט צו הייזער פון גוט הארציגע אידן און בעט זיך אז זיי זאלן העלפן א ארימע מענטש וואס נויטיגט זיך אין אסאך געלט.



אויפן בילד: הרב יודא הכהן קרויס זצ"ל אב"ד לאקענבאך מיט זיין איידעם הרב חיים מאיר אונגאר זצ"ל

יארן שפעטער האט מוהרא"ש געזאגט: "איך בין טאקע געווען א קליין אינגל דעמאלט, אבער צוזעענדיג דאס ווי א רב לויפט ארום ווי א קליין קינד פשוט כדי צו העלפן א צווייטן איד, איז עס מיר אריין אין מיינע ביינער וואס ס'מיינט א רב א מנהיג, דאס איז נישט נאר איינער וואס זיצט און לערנט בייטאג און ביינאכט, נאר דאס איז אויך איינער וואס איז דא צו העלפן א צווייטן איד, ער זיך מוסר נפש פשוט צו קענען העלפן א איד".

*שיחות מוהרא"ש חלק ז' ערך רבי*

# פארזעצונג פון פריער:

**רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**



## דעם הייליגן רבינ'ס לעבענסגעשיכטע

## קמ"ו

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן מְסַדֵר צוּ זַיין אוּן אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אַלֶע זַיינֶע תּוֹרוֹת, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיז דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי רֶבִּי נָתָן אִין בַּאזוּנְדֶערֶע הֶעפְטְן, אַזוֹי וִוי עֶר פְלֶעגְט עֶס אָפְּשְׁרַייבְּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט שֵׁיין מְסַדֵר גֶעוֶוען אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע תּוֹרוֹת אוֹיף שֵׁיינֶע אוּן גוּטֶע פַּאפִּיר, אוּן זַיין חַבֶר ר' נַפְתָּלִי הָאט אִים אַסַאךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיט דֶעם, עֶר הָאט פָארְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן דִי הֶעפְטְן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלְס אַ סֵפֶר, אוֹיפְ'ן סֵדֶר וִוי אַזוֹי עֶס אִיז הַיינְט גֶעדְרוּקְט.

דָאס שְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פַאר אוּמְגֶעפֶער אַ פֶערְטְל יָאר, בִּיז נָאךְ פֶּסַח, נָאנְט צוּ שָׁבוּעוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר פְּלַאנְט צוּ דְרוּקְן דִי תּוֹרוֹת אִין אַ סֵפֶר אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶעמָאלְט פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אָנְזָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן זַיינֶע תּוֹרוֹת פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע טַעֲמִים דֶערוֹיף פַארְוָואס עֶר וִויל נִישְׁט מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְזָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע. אוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי אַנְדֶערֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן טַאקֶע זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, צוּ בַּאהַאלְטְן דִי אַלֶע הֶעפְטְן אוּן בּוֹיגְנְס מִיט דִי גֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, "אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעלַיינְט אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּן זִיךְ אַרַיינְגֶעבוֹיגְן אִין יַם, אוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן אַלֶע קֶענִיגְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, דָאס אִיז שֻׁלְחָן מְלָכִים, יַם הַחָכְמָה. זָאל אִיךְ אוֹיסְזָאגְן? וָואס אֲפִילוּ שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט מְגַלֶה גֶעוֶוען".

נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן אַרָאפְּמָאלְן. גְלַייךְ זֶענֶען רוֹב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן פוּן אַלֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

יֶענֶע גַאנְצֶע וָואךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פִילֶע שְׁמוּעֶסְן אִין עֲבוֹדַת ה', דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם עִנְיָן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ב) אַז עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בְּחִינוֹת אִינֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן יֶעדֶעס מָאל פוּן פְרִישׁ אִים מַכְנִיעַ צוּ זַיין אוּן בֵּייקוּמֶען.

אום שבת קודש פאר די ברית פון זיין הייליגן זון, האט דער רבי געמאכט א שלום זכר, ווי דער מנהג איז, און א גרויסער עולם איז געקומען אנוואונטשן דעם רבי'ן.

ווען דער עולם איז זיך צוגאנגען, זענען דארט געבליבן עטליכע אנשי שלומינו, צווישן זיי אויך רבי נתן, זיי זענען געשטאנען מיט פארכט פאר'ן הייליגן רבי'ן, און געקוקט אויף זיין הייליגע צורה, וואס האט געשיינט מיט א געוואלדיגע שמחה.

אינצווישן האט דער רבי געקוקט אויף די שוך פון רבי נתן, וואס איז געווען היבש אויסדרייט, די זויל פון אונטן, וואס מען פִּידֶעשְׁוֶוע, האט זיך אזוי פארקרומט אז עס האט זיך ארומגעדרייט צו אויבן פונעם שוך. דער רבי האט זיך אנגערופן צו רבי נתן, "דיין שוך האט א פנים ווי א פאטש אין פנים". דער רבי איז שטיל געבליבן פאר אביסל, און דערנאך זיך אנגערופן, "אונזער שיחות חולין!", ער האט געדרוקט דאס ווארט "אונזער", און אויסגעפירט, "זאל מיר סיי וועלכע בעל מקובל זאגן ווי אזוי אין דעם ווערטל ליגט אלע כוונות פון ברית מילה, און אויך וואס איז נאך העכער פון די כוונות".

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



# 212.444.9191

# קול ברסלב

קול ברסלב - די קול וואס איז ברייט באקאנט פאר אנשי שלומינו און פאר די גאנצע וועלט. אלע לעבן פון דעם רבינ'ס חיזוק און עצות, און קול ברסלב דינט ווי דער שופר וואס שרייט אויס פאר אידישע קינדער אלע זיסע עצות און חיזוק פונעם הייליגן רבי'ן.



פארשטייט זיך אז דאס מיינט א טעגליכע אפעראציע צו שטיין אויף דעם אז די האטליין זאל פארן, אלעס זאל קלאפן ווי עס דארף צו זיין. שיעורים זאלן ארויפגיין כדי די טויזנטער צוהערער זאלן זיך קענען מחי' זיין און טרינקען פונעם רבינ'ס קוואל.

היינט זעצן זיך מיר אוועק מיט מו"ה משה יודא עקשטיין הי"ו וואס שטייט היינט צוטאגס אונטער די אפעראציע פון קול ברסלב, הערן פון אים וואס ס'קומט אלס פאר אונטער די קוליסן, וויאזוי די טאג טעגליכע ארבעט גייט צו, אלעס מיטן מטרה צו קענען מחי' זיין כלל ישראל און ארייננברענגען דעם אייבערשטן'ס נאמען אין די גאנצע וועלט.

ישראל דוד העסנעל

## א גוטן ר' משה, צום ערשט לאמיר הערן וועגן און וויאזוי איז די ארבעט פון אנפירן מיט די האטליין אנגעקומען צו דיר.

די מעשה האט נישט פאסירט אין איין טאג... איך וויל צוריק גיין אביסל און אזוי וועלן מיר אנקומען וויאזוי ס'איז צושטאנד געקומען.

איך בין אריין אין ישיבה אלס בחור שנת תשע"ז, אלט זייענדיג 15 יאר. אזוי ווי אלע וואס זענען זוכה צו הערן די שיעורים פון דער ראש ישיבה זעען גראד גרויסע שינויים אין זייער לעבן, דער ראש ישיבה געבט אריין א חיות אינעם מענטש סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

אפילו איך בין נאך דאן געווען רעלאטיוו יונג, און לאו דווקא געזען אזעלכע דראסטישע שינויים, איך בין אלץ געווען אן ערליכע בחור, אבער דאך די חיות, די ברען צו אידישקייט, די אהבת השם - ליב האבן דעם אייבערשטן. און פארשטייט זיך די חשק צו די תורה דורך דעם דרך הלימוד... וואס איז שייך צו זאגן, איך בין פשוט געווארן א נייע מענטש!

פארשטייט זיך, אזוי ווי יעדער וואס ווערט מקורב און הייבט אן לעבן דעם זיסן לעבן מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן וויל מען עס גראד פארשפרייטן און איבערגעבן פאר נאך מענטשן, ווייל אויב איז מיר געווארן אזוי לעכטיג אין לעבן, וויל איך אויך לעכטיג מאכן פאר אנדערע!

דעמאלט אלס בחור האב איך געזוכט וואס איך קען טון צו העלפן. יענע צייט האט זיך אנגעהויבן די גאנצע זאך אז מענטשן לייגן ארויס און שיקן ארום קורצע רעקארדירונגען פון א האלב מינוט צו א מינוט, מו"ה ליפא לעווי הי"ו איז דאן געווען פון די ערשטע עס אויסצוניצן פאר הפצה און מאכן ספעציעלע קורצע שטיקלעך, חיזוק פון די שיעורים פון דער ראש ישיבה בערך דרייסיג סעקונדעס און עס ארויסשיקן פאר די וועלט זיך צו מחי' זיין.

דעמאלט האב איך מחליט געווען אז איך גיי העלפן עס פארשפרייטן. איך פלעג דורכגיין די שיעורים פון דער ראש ישיבה און וואו איך האב געטראפן עפעס א גוטע שטיקל חיזוק קורץ און שארף האב איך עס אויסגעשניטן און געשיקט פאר ר' ליפא לעווי, און ער האט עס שוין ווייטער געשיקט. דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס איך האב געטון פאר הפצה, ווי אויך איז עס לכאורה געווען די גרינדשטיין פאר די היינטיגע ברייט באקאנטע שאורטס.

שפעטער האב איך חתונה געהאט קיין קרית טאהש. דארט האב איך געקויפט א פרינטער און געדרוקט די וועכענטליכע עצתו אמונה און גליונות און עס פארשפרייט. אזוי אויך פלעג איך דרוקן פאר מענטשן וואס פלעגן עס באשטעלן פאר זיך - דאס איז געווען מיין הפצה.

בערך א יאר אהאלב נאך מיין חתונה, האב איך געמופט אין שטעטל. ס'האט מיר זייער אנגעהויבן צו עגבערן אז איך טו נישט פאר הפצה גארנישט, איך בין זיך געווארן א באקוועמער איד, איך קום און גיי, און איך טו גארנישט אז נאך א איד זאל וויסן פון די לעכטיגע עצות!





איך בין אמאל אריין צו דער ראש ישיבה און אויסגעשמועסט וואס באדערט מיך אז איך האב נישט עפעס א זאך וואס איך טו פאר הפצה, איך האב געפרעגט דער ראש ישיבה אויב ער האט עפעס וואס ער קען מיר געבן אז דאס זאל זיין מיין זאך וואס איך טו פאר הפצה.

האט מיר דער ראש ישיבה געפרעגט: "דו מיינסט אז די אלע וואס טוען פאר הפצה און די אלע וואס העלפן האט איינער זיי מכבד געווען?" דער ראש ישיבה האט דעמאלט אנגעכאפט מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו פאר א דוגמא: "דו מיינסט אז איינער האט אים געבעטן צו פאקן די ספרים אין שול? ער איז געקומען אין שול און געזען אז די ספרים ליגן אויף די טיש האט ער געטון צו די זאך און עס אנגעהויבן צו אוועקפאקן..."

אזוי איז אריבער א שטיק צייט און איך האב למעשה גארנישט געקענט טרעפן עפעס א זאך וואס דאס זאל איך טון פאר הפצה. איך האב אסאך מתפלל געווען אז איך זאל קענען עוסק זיין אין הפצה, איך בעט נאך אלץ אבער דעמאלט איז א גרויס חלק פון מיין התבודדות געווען אויף דעם. איין טאג בין איך געזעסן אין שול און געלערנט און איך האב מחליט געווען דאס איז עס, איך מוז עפעס אנהייבן צו טון!

איך האב געוויסט אז מיין חשובער שוואגער מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו העלפט ארויס אסאך מיט די ברסלב סענטער וועבזייטל, און ער ארבעט אסאך מיט די קרן הדפסה, האב איך געטראכט אז איך גיי אים רופן פרעגן אפשר האט ער עפעס א געדאנק פאר מיר וואס איך קען טון פאר הפצה.

איך קלינג אים אן און איך פרעג אים אויב ער האט אפשר עפעס א געדאנק וואס איך קען העלפן פאר הפצה? זאגט ער מיר אז אויף ברסלב סענטער לייגט מען ארויף אלע שיעורים פון דער ראש ישיבה, אוןביים ארויפלייגן דעם שיעור איז דא א פלאץ אריינצולייגן טעגס אז מענטשן זאלן גרינגער און שנעלער קענען טרעפן וואס זיי זוכן. למשל אויב איז די שיעור וועגן אמונה לייגט מען אריין אין די טעג 'אמונה', כדי ווען א מענטש וועט זוכן אמונה און וועלן הערן א שיעור אין אמונה זאל די ריכטיגע שיעור ארויפקומען.

האט ער מיר געזאגט אז יעצט איז נישט דא קיינער וואס לייגט אריין די טעגס און אויב איך וויל וועט ער מיר ווייזן וויאזוי דאס צו טון, און מיט דעם וועל איך קענען העלפן פאר הפצה.

איך האב זיך גראד צוגעכאפט צו דעם און עס אנגעהויבן צו טון. יעדן טאג פלעג איך ערליך זיצן און ארויפלייגן די טעגס אויף די שיעורים פון דער ראש ישיבה.

א חלק פון אברמי'ס ארבעט איז געווען ארויפלייגן די אודיאו שיעורים אויף ברסלב סענטער. איין טאג האט ער מיר געפרעגט אויב איך קען באשטיין צו נעמען דאס ארויפלייגן די אודיא שיעורים אויף ברסלב סענטער יעדן טאג.

איך האב זיך גראד צוגעכאפט צו דעם און טאקע אנגעהויבן ארויפצולייגן אלע אודיא שיעורים אויפן סייט, ווי אויך פלעג איך ארויפלייגן אלטע שיעורים וואס מ'האט נאך קיינמאל נישט געהאט ארויפגעלייגט ביז דעמאלט.

יענע צייט האט דער מנהל הרב מרדכי אינדיג שליט"א איבערגעקוקט און ארויפגעלייגט אלע שיעורים, ערגעץ וואו איז אים אויסגעקומען אמאל מיר צו בעטן איך זאל אים העלפן מיט דעם, צו וואס איך האב געגרן מסכים געווען. אזוי האט זיך אנגעהויבן מיין שייכות אין הפצה מיט ר' מרדכי.

ער פלעגט איבערהערן די שיעורים און איך האב עס ארויפגעלייגט. אזוי איז מיר דעמאלט אויסגעקומען אז איך האב ארויפגעלייגט די שיעורים און אויך געמאכט טעגס פאר אלע שיעורים. דאס איז אזוי אנגעגאנגען א שטיק צייט. ביז דער מנהל האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל.

איין זומער פאר דער מנהל האט געמופט, איז איין טאג דער

ראש ישיבה געקומען באזוכן דעם בית הדפוס אין שטעטל, ביים ארויסגיין פונעם בנין, בין איך געשטאנען דארט מיטן ראש ישיבה שליט"א, דער רעדאקטער פונעם בלעטל מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו און מו"ה אברמי אייזנער הי"ו, און דער ראש ישיבה רופט זיך אן אז מיר מוזן זען אראפצונעמען וואס מער ארבעט פון ר' מרדכי!

דעמאלט האט ר' מרדכי אנגעפירט מיטן האטליין פון א' ביז ת'. דער ראש ישיבה האט דאן געזאגט ביים שמועס אז מיר מוזן זען אראפצונעמען די האטליין פון ר' מרדכי, ער קומט מופן אין שטעטל און ער גייט האבן אסאך ארבעט מיט די חדר, מ'מוז אראפנעמען פון אים די האטליין.

בערך א האלבע יאר שפעטער איז איינגעפאלן פאר אברמי אז אפשר זאל ר' מרדכי בלויז אנגרייטן אלע מעסעדזשעס פאר די האטליין און איך וועל עס שוין טעכניש ארויפלייגן.

איך געדענק, איך האב דעמאלט געטראכט אז איך זע נישט די גאנצע אויפטו פון דעם, ווייל סך הכל וועט יעצט ר' מרדכי נישט נאר דארפן אלעס רעקארדירן, נאר ער וועט יעדע זאך אויך מיך דארפן שיקן און מיר זאגן וואס צו טון מיט דעם.... אבער איך האב עס אנגענומען.

ס'איז געווען יענע יאר צווישן ראש השנה און יום כיפור, איך געדענק איך בין דעמאלט געווען אין טאהש און איך באקום א בריוו פון דער ראש ישיבה אז ער וויל אראפנעמען די גאנצע האטליין פון ר' מרדכי און איך זאל עס פולקאָם איבערנעמען.

אזוי בין איך אנגעקומען צו די געוואלדיגע זכי' פון קענען אנפירן מיט די האטליין מיט וואס טויזנטער מענטשן זענען זיך אזוי מחזק.

## אויב איר קענט אונז אראפלייגן דיין טאג טעגליכע ארבעט אינעם האטליין?

דער אמת איז אז ס'איז נישט נאר די האטליין, ס'איז די שיעורים פון דער ראש ישיבה וואס גייען נאכדעם ארויף אויף אלע פלאטפארמעס, נישט נאר אויפן די האטליין. איך הער אויס אלע שיעורים, מ'דארף עס עדיטן און פראסעסן. ס'איז דא למשל פלעצער וואו מ'דארף עס מאכן העכער אדער שטילער. אסאך מאל דארף מען געוויסע שטיקלעך ארויסנעמען צוליב געוויסע סיבות וכדומה, און ווען מ'ענדיגט עס עדיטן דארף איך עס ארויפלייגן אויף אלע פלאטפארמעס און אריינזאגן א מעסעדזש אז מ'קען שוין הערן דעם נייעם שיעור.

## פארוואס פעט מען אפ ס'דא געוויסע שיעורים וואס גייען גלייך ארויף אויפן האטליין, און ס'דא שיעורים וואס קענען ארויפגיין אפילו חדשים שפעטער. למשל די ליל שישי שיעור פון דער ראש ישיבה גייט גראד ארויף – דאנערשטאג נאכט איז עס שוין אויפן האטליין, ווידעראום איז דא למשל די שיעורים פאר






## מחנכים וואס קענען ארויסגיין חדשים שפעטער?

איך פרוביר פון מיין זייט אז יעדע זאך זאל האבן א באשטימטע צייט ווען ס'גייט ארויף. למשל די טעגליכע חיזוק שיעורים פאר די בחורים גייט ארויף דעם קומענדיגן טאג 10:00 אינדערפרי. די מכתב יומי פארגעליינט דורך מו"ה יוסף ברילל הי"ו גייט ארויף אום 11:00 אינדערפרי. אזוי איז די האטליין מער ווייניגער אויסגעשטעלט אז יעדע זאך האט זיך זיין צייט, און מיטן אייבערשטן'ס הילף פארט עס אזוי מער ווייניגער געשמירט.

יעצט ווען די ליל שישי שיעורים פארוואס ס'גייט גראד ארויף איז ווייל אונזערע ברידער אין ארץ ישראל ווילן שוין קענען הערן דעם שיעור בעפאר שבת, און כדי דאס זאל זיין מעגליך מוז עס שוין ארויפגיין דאנערשטאג נאכט אין אמעריקע, דעריבער גיי איך געוועגליך אריין אין סטודיא יעדן דאנערשטאג נאכט נאכן שיעור און איך מאך עס באלד גרייט, כדי די ארץ ישראל'דיגע אידן זאלן עס שוין קענען הערן בעפאר שבת.

און איך מוז טאקע זאגן אז ראש השנה ווען מיר טרעפן זיך אין אומאן מיט די ארץ ישראל'דיגע אידן קומען זיי זיך טאקע זייער שטארק באדאנקען אויף דעם וואס איך לייג ארויף די ליל שישי שיעור געגוג פרי פאר זיי עס צו קענען הערן פאר שבת, און זיי זאגן טאקע אז דאס איז וואס מ'שמועסט שבת אין שול, מ'גייט אדורך די שיעור און מ'איז זיך מחזק אינאיינעם.

למשל די חינוך שיעורים ווערט געגעבן קודם פאר די מחנכים בעפאר ס'גייט ערגעץ ארויף, מ'שפילט עס קודם אויף אין אלע מוסדות היכל הקודש איבער די וועלט פאר אלע איינגעשטעלטע, און ערשט דערנאך קען מען עס ארויפלייגן אויף די האטליין און די אנדערע פלאטפארמעס, דאס איז די סיבה פארוואס ס'איז אביסל פארשלעפט... אבער מיר ארבעטן טאקע זייער שטארק אויף א מהלך אז ס'זאל יא קענען פריער ארויפגיין אויפן האטליין מיטן אייבערשטן'ס הילף.

## האסט געזאגט אז צומאל דארף מען שניידן שטיקלעך פון שיעורים. וואס פאסירט מיט די כללים פון פאכן וואס ווערן אפגעשניטן סיי פון די שיעורים און אויך פון אנדערע אינפארמאציע וואס גייען ארויף אויפן האטליין?

די כלל איז אז אויב רעדט פון עפעס וואס ס'איז דא א חשש אמונה אז איינער קען ווערן פון דעם פארשעמט אדער ווי' געטון ווערט מען עס שניידן. אזוי אויך אויב רעדט מען פון עפעס וואס איז נאר נוגע פאר איינעם, לאמיר זאגן דער ראש ישיבה האט געדארפט זאגן ביים שיעור פאר א בחור עפעס א געוויסע ענין אבער ס'איז גארנישט נוגע פאר א צווייטן, דאן ווערט מען עס אויך ארויסנעמען, כדי ס'זאל חלילה נישט ארויסקומען א מכשול אז איינער זאל אפילו בטעות געשעפעט ווערן.

## דו האסט א ספעציעלע סטודיא אדער מייקט מען עס מיט דעם רעקארדער אריין אויף קול ברסלב, אדער דו עוסט פשוט דיין טעלעפאן?

איך האב אזא שטיקל סטודיא אין קרן הדפסה בנין וואס דארט איז צוגעשטעלט ספעציעל א שטארקע קאמפיוטער ס'זאל



קענען פארנעמען די אלע פראגראמען וואס איך נוץ פאר די האטליין און צו קענען עדיטן די שיעורים. ווי אויך איז דא אוועקגעשטעלט א ספעציעלע מייק פאר מיר צו קענען אריינרעדן אין קול ברסלב אז ס'זאל זיך הערן קלאר איז שטארק.

## וואס טוט מען ווען מ'פארט קיין אומאן און מ'האט נישט די גאנצע סטודיא מיט זיך?

איך נעם מיט א לעפטאפ מיט מיר און א ספעציעלע קליינע מייק וואס איז געאייגנט צו קענען טרעוולען מיט דעם, און אזוי קען איך טאקע אונטערוועגנס מיטן אייבערשטן'ס הילף ווייטער אפדעיטן די האטליין.

אבער די געשמאקסטע איז פארשטייט זיך ווען איך קען טון מיין ארבעט אין די קרן הדפסה אפיס, וואס דארט האב איך א פיינע סטודיא, אלעס איז גוט צוגעשטעלט אויפן העכסטן סטאנדארט. און מ'קען טאקע הערן אויפן האטליין די חילוק ווען זאכן גייען ארויף פון סטודיא אדער ווען ס'ווערט געמאכט אונטערוועגנס...

## וועלכע שיעורים גייען ארויף אויפן אינהאלט קנעפל ביי 0 און וועלכע שיעורים דארף מען ארייננרוקן דעם געאייגנטע קנעפל?

די יסוד פון די האטליין איז די שיעורי התחזקות פוּן דער ראש ישיבה, אויף דעם איז די האטליין געשטעלט און אלעס ארום איז א באנוס. במילא וועלן אלע שיעורי התחזקות פוּן דער ראש ישיבה גיין אויפן אינהאלט קנעפל. די דף שיעור וואס דאס איז שיעורי תורה וועט טאקע נישט ארויפגיין אויפן אינהאלט קנעפל, אבער די התחזקות פון נאכן דף גייט יא ארויף ביי 0.

אזוי אויך די שיעורים אין לשון קודש אדער אין ענגליש וועלן נישט ארויפגיין ביי די אידישע אינהאלט קנעפל נאר ביי די לשון הקודש און ענגלישע אפטיילונגען.

דערנאך זענען דא די שמועסן וואס זענען התחזקות געבויעט אויף די ווערטער פון דער ראש ישיבה, למשל די שבתים אפטיילונג וואו מ'גייט אדורך אלע התחזקות וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט שבת, גייט אויך ארויף ביי 0. אזוי אויך גייט ארויף די מכתב יומי טעגליך, וואס גראדע פון דעם הער איך צוריק פון זייער אסאך מענטשן וואס זענען זיך מחי' מיט דעם. אזוי אויך די אנדערע שמועסן ווי די ברסלב'ע ברודער, די קרעמל האט דער ראש ישיבה מיך געזאגט אז דאס קומט צו זיין אויפן אינהאלט קנעפל.

## ווען א מענטש הערט א שיעור אדער א שמועס אויפן אינהאלט קנעפל קען מען זען אויפן סיסטעם אפ דער מענטש האט אויסגעהערט דעם ספעציפישן פאך?

יא, ווען א מענטש הערט אויס סיי וואס אויפן אינהאלט קנעפל קען מען עס זען אין די סיסטעם אז די צוהערער האבן עס אויסגעהערט. אבער למען האמת גיי איך נישט אדורך אפט די ציפערן וויפיל מענטשן עס הערן אויס, במילא קען איך דיך נישט ענטפערן אויף אויסנווייניג וויפל צוהערער ס'זענען דא אויף יעדע ספעציפישע זאך.

## אויב איר קענט אונז זאגן וועלכע קנעפל האט די מערסטע צוהערער?

די מערסטע צוהערער זענען דא אויף די חיזוק יומי קנעפל. קודם זענען דא מענטשן וואס רופן קול ברסלב טאקע ווייל זיי ווילן הערן די חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה און נעמען התחזקות. דערנאך זענען דא די פרישע רופער פון קול ברסלב, לאמיר זאגן אויב איינער טרעפט א קארטל מיט די האטליין נומער און רופט אריין, איז די האטליין אזוי אויסגעשטעלט אז על פי רוב וועט דער מענטש די ערשטע זאך אנקומען צו חיזוק יומי. דעריבער האט עס די מערסטע צוהערער.

## קול ברסלב זוכט צו פארברייטערן מיט נאך פראגראמען און שמועסן?

די האטליין איז אייביג גרייט צו פארשפרייטן נאך און נאך חיזוק פאר די וועלט, דאס איז די מטרה, אבער די האטליין נעמט נישט אויף און האט קיינמאל נישט אויפגענומען קיין מענטשן וואס זאלן מאכן פראגראמען און שמועסן. למשל די ברסלב'ע ברודער און די קרעמל אפטיילונגען האבן אליינס מחליט געווען אז זיי ווילן טון פאר הפצה און מאכן שמועסן, אזוי אויך די הנהלה אפדעיטס האט דער ראש ישיבה געבעטן פון די הנהלה צו מאכן די שמועס.

די האטליין שטייט ווייטער גרייט פאר ווער ס'וויל נאר מפיץ זיין די ליכטיגקייט פונעם הייליגן רבי'ן פאר די וועלט, מ'דארף נאר פארדעם פארשטייט זיך זיך אדורכרעדן און מאכן זיכער אז אלעס זאל קלאפן.

## אין וויפיל לענדער זענען דא א נומער צו הערן קול ברסלב? איז דא נאך לענדער וואס קומען?

היינט צו טאגס פון וואס איך געדענק אויף אויסנווייניג איז דא צוויי נומערן אין אמעריקע, איין נומער אין ארץ ישראל, אין קאנאדע, אין ענגלאנד, אין בעלגיע און אויך אין ארגענטינע.

איך ווייס נישט יעצט אויף די מינוט אויב ס'גייען צוקומען נאך פלעצער, אדרבה אויב וואוינט איינער אין א לאנד וואו ס'איז נישט דא נאך קיין קול ברסלב נומער, זאל מען זיך פארבינדן מיטן מערכת און מיר וועלן זען וואס מיר קענען טון אז ס'זאל צושטאנד קומען.

## מ'קען אנשטעלן ווען א שיעור זאל ארויסגיין, אבער יעדעס מאל א שיעור גייט ארויף דארף





## מען עס בשעת מעשה ארויפלייגן?

פון אנפאנג ווען איך האב איבערגענומען די האטליין האב איך נישט געוויסט פון אזא אפציע אז איך זאל קענען אנשטעלן אז א שיעור זאל ארויפגיין אויף א ספעציפישע צייט, און יעדעס מאל א שיעור אדער א שמועס האט געדארפט ארויפגיין האב איך ספעציעל געמוזט אריינגיין אין אפיס, וואס דאס איז סיי אנגעקומען זייער שווער פאר מיר פארשטייט זיך... ווי אויך האט עס געמאכט אז די האטליין זאל נישט זיין אזוי מסודר.

איין טאג האב איך אריינגערופן די קאמפאני און זיי געפרעגט אויב זיי קענען מאכן אזא אפציע אז איך זאל קענען ארויפלייגן א שיעור אדער שמועס און אנשטעלן ווען ס'זאל ארויפגיין. זאגן זיי מיר אז די סיסטעם האט שוין אזא אפציע, און זיי האבן מיר טאקע אויסגעלערנט ווי אזוי דאס צו נוצן. זייט דעמאלט איז מיין ארבעט טאקע היבש גרינגער און די האטליין איז אויך אסאך מער מסודר ב"ה.

מענטשן ווייסן שוין אז יעדן טאג צען אזייגער גייט ארויף די שיעור התחזקות פאר די בחורים, עלף אזייגער גייט ארויף די מכתב יומי. זונטאג צוויי אזייגער גייט ארויף די הנהלה שמועס. דינסטאג זעקס אזייגער גייט ארויף די קרעמל שמועס. דאנערשטאג זעקס אזייגער די ברסלב'ע ברודער שמועס. איך פרוביר די בעסטע וואס איך קען אז אלעס טאקע לויפן מיט א זייגער און ארויפגיין אין צייט. פארשטייט זיך אז דא און דארט מאכן זיך פארשפעטיגונגען אבער על פי רוב גייט אלעס ארויף אין צייט מיטן אייבערשטן'ס הילף.

## וואס קאסט אויפצוהאלטן די האטליין?

דאס ווייס איך נישט פונקטליך, די האטליין סיסטעם קאסטן ווערט געדעקט דורך די קרן הדפסה, און אלע אנדערע ארבעט סיי פון רעדן אויפן האטליין און סיי פון די טעכנישע חלקים ווערט געטון בהתנדבות דורך מענטשן וואס ווילן האבן א זכות אין די געוואלדיגע הפצה.

## וויפיל מענטשן קענען אריינרופן די האטליין אויף איינמאל?

די לעצטע צייט האט זיך געקענט מאכן אז ווען מען האט אריינגערופן האט מען באקומען א מעסעדזש "max line reached", דער ליניע האט דערגרייכט די מאקסימום מענטשן וואס קענען אריינרופן אויף איינמאל. בפרט האט זיך עס געמאכט ליל שישי ווען הונדערטער אידן ווילן אויסהערן די לייוו הוק אפ שיעור פון ראש ישיבה שליט"א אין די זעלבע צייט. צוליב דעם האט קרן הדפסה באשלאסן אויסצוברייטערן דעם ליין, און געקויפט גאר אסאך פרישע ליינס. מען האט פארברייטערט דעם צאל ליניעס מיט פינף און צוואנציג פראצענט. אבער מ'האפט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז ס'זאל "נישט" זיין גענוג, און מען זאל גאר שנעל זען אז מען קען שוין ווייטער נישט צוקומען, און דאן וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צולייגן פרישע ליינס, וויפיל עס וועט אויספעלן.

## ווער הערט איבער אלע חומר וואס גייט ארויף אויפן האטליין?

אסאך חומר הערט ר' מרדכי אויס, ווי למשל די טעגליכע שיעורים ווי אויך אלע חינוך שיעורים. איך העלף אים מיט די איבריגע זאכן וואס גייען ארויף.

## אויך וויפיל נושאים קענען דא שיעורים פון דער ראש ישיבה היינט צוטאגס אויף קול ברסלב?

קודם איז דא די טעגליכע שיעורי התחזקות וואס דער ראש ישיבה לערנט פאר פאר די בחורים אין סיפורי מעשיות. דערנאך איז דא די וועכנטליכע ליל שישי שיעורים וואס דער ראש ישיבה לערנט פאר פונעם פרשת השבוע שיעורי התחזקות פאר אברכים.



אויך איז דא שיעורי חינוך וואס דער ראש ישיבה לערנט פאר פאר די מלמדים און מחנכות, דאס זענען שיעורים וואס יעדע טאטע וואס וויל קענען ריכטיג מחנך זיין זיינע קינדער דארף אויסהערן. איך פרוביר אויסצוהערן אלע שיעורים פון דער ראש ישיבה, אבער די שיעורי חינוך מאך איך זיכער נישט אויסצולאזן ווייל אן דעם ווייס איך נישט ווי אזוי מ'קען מחנך זיין קינדער.

דערנאך איז דא די שיעורים וואס דער ראש ישיבה לערנט פאר פאר בית פיגא, ס'דא די שיעורים וואס דער ראש ישיבה געבט פאר די אידישע שטוב איינמאל א וואך.

דערנאך איז דא די שיעורי תורה פון דער ראש ישיבה גאנץ תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי, נ"ך, א גרויס חלק רמב"ם, די שיעורים אין ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות שיעורים, און יעצט האט זיך אנגעהויבן א פרישע שיעור אין קיצור שלחן ערוך.

נאכדעם איז דא די ענינא דיומא קנעפל וואו מ'קען הערן שיעורים געגעבן פון ענינא דיומא וועגן די ימים טובים.

## וועלכע שיעורים הייבן אן אויף אין קנעפל א און וועלכע ווערן טויטלט אין טעלעפאן?

די שיעורי התחזקות האט דער מנהל ר' מרדכי אוועקגעשטעלט אז ס'זאל נישט זיין מער ווי 35 מינוט אויף איין קנעפל, נאר ס'זאל ווערן צוטיילט. אויב שפיר איך אמאל אז עפעס דארף צוטיילט ווערן צוטייל איך עס, אבער על פי רוב בלייבן רוב זאכן טאקע אויף איין קנעפל.

## וויפיל צייט א מאל געבן מעסעדזשן אוועק פאר די האטליין?

ס'איז זייער שווער צו ענטפערן, איך האב נישט קיין טיימער... אבער ס'קומט אויס צו בערך צוויי שעה א טאג מער ווייניגער.

## ווער רעדט אויף די לשון הקודש ליין און ביי די ענגליש ליין?

ביי די לשון הקודש ליין ווען ס'דא פרישע סחורה בעט איך פון מו"ה רפאל פורסט הי"ו זאל עס אריינזאגן, און ביי די ענגלישע האב איך עס אריינגעזאגט. איך זוך צו דארפן וואס ווייניגער צוקומען צו טובות פון אנדערע, ווייל נאכדעם ווערן זאכן פארשלעפט, דעריבער וואס איך קען טו איך אליין.

## פארוואס לייגט מען נישט ארויף קיין עסקן אויפן האטליין?

ס'איז נישט קיין שיטה זאך, אדרבה ס'איז געווען א שטיק צייט וואס ס'איז יא געווען עדס אויפן האטליין, אבער די קאפ ליגט נישט אין געלט... אלע וואס טוען פארן האטליין טוען עס פאר הפצה לשם שמים, צו העלפן אז נאך א איד זאל זיך דערוויסן פונעם הייליגן רבינ'ס עצות, דעריבער איז די עדס געווארן אביסל פארנאכלעסיגט....



### ווען דו דארפסט עפעס אריינזאגן אין די האטליין שרייבסטו זיך פאר נאטיצן פארדעם וואס דו גייסט זאגן אדער דו זאגסט עס ארויס פון זכרון?

די זאכן וואס איך זאג יעדן טאג די זעלבע מאך איך נישט קיין נאטיצן, אבער אויב דארף איך אמאל אריינזאגן א פרישע מעסעדזש וועל איך זיך יא פארשרייבן פון פאר דעם פונקטליך וואס איך דארף זאגן.

### צום שלוס, וואס זענען דיינע שוועריקייטן וואס דו האסט ביים ארבעטן פאר קול ברסלב האטליין?

איך ווייס צו שאצן די חשיבות פון הפצה פון טון דאס וואס איך טו, דעריבער זענען אפילו די שוועריקייטן נישט קיין שוועריקייטן. הפצה איז אן אור חוזר, דו טוסט פאר יענעם אבער דו ביסט זיך אליינס מחזק בשעת מעשה.

די פיזישע שוועריקייטן זענען ווען זאכן גייען ארויס פון רוטין, למשל ווען דער ראש ישיבה איז געפארן קיין ארץ ישראל האב איך באקומען די שיעורים אין אנדערע צייטן, און אויך אנדערע סארט פארמאטן, דאס האט אביסל פארשווערט, אבער שכח אייבערשטער פאר די זכי' פון קענען עוסק זיין יעדן טאג אין הפצה!

### א גרויסן יישר כח ר' משה פאר'ן אוועקגעבן פון דיין טייערע צייט פאר די חשובע בלעטל ליינער, און געבן א טיפערע אריינבליק אין די אפעראציע פון קול ברסלב, כדי מענטשן זאלן אביסל פארשטיין וואס ס'גייט אלס אריין אין דעם האטליין.

### דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אלע קענען עוסק זיין אין הפצה און צוריק ברענגען אלע אידישע קינדער צום אייבערשטן!


אורח הכבוד
וועלט בארימטע
פה מפיק מרגלית
הרב מאיר מרדכי
בערקאוויטש הי"ו
מאמענטן פון
התרגשות
יושב ראש
הרב אליעזר זוסיא
ווערטהיימער הי"ו
מחשובי אנ"ש
לינדען
אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו
קרן תרפסת
אונזער ירושה
מסיבת הכרת הטוב
יומא דהילולא קדישא
של מוהרא"ש ז"ע
א שיינע מתנה וועט
פארטיילט ווערן
פאר אלע משתתפים
ביים דינער
אין די פראכטפולע זאלן
Valley Terrace
121 College Rd,
Monsey, NY 10952
דינסטאג פרשת יתרו
הבעל"ט
Feb. 3 ולמספרם
פתיחת שערים 7:45
*sruliHeskel

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב






**נסיעה צו מקומות הקדושים מיט די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים וואס זענען געגאנגען נאך געלט פאר די ישיבה - ב׳ שמות (חלק ב׳)**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**מסיבה פארן בית התבשיל אינעם שטוב פון מו״ה אשר לעמיל זוסמאן הי״ו אין שטעטל - ג׳ שמות**

קרעדיט: שימי פאדריגאל



**חברת תהילים מיט די קינדער נאכן לערנען אינעם כולל בוקר אינעם שטעטל - ד׳ שמות**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן






**סיום אויפן אלף בית אין כיתה א׳ אינעם תלמוד תורה אין וויליאמסבורג - ג׳ שמות**



**נייע פריזער פאר די מוסדות אין טבריה - א׳ וארא**

קרעדיט: אליהו לב



**תיקון שובבי״ם אין שטעטל: ליידיגע תהילים שאנק בשעת׳ן כולל בוקר - ב׳ וארא**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**אנשי שלומינו לערנען פלייסיג אינעם כולל בוקר אין שטעטל - ב׳ וארא**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**די ביהמ״ד אין שטעטל בשעת׳ן זון אויפגאנג - ב׳ וארא**

קרעדיט: אייזיק ראטה

# מאה אלף

## איבער הונדערט טויזנט דאללער!

**אשריכם אנשי שלומינו!**

מיט אייערע נדבות אויף בי. פעי האט שוין קופת רבי מאיר בעל הנס דערגרייכט איבער הונדערט טויזנט דאללער אויף בי. פעי . געדענקט ווען איר דארפט נאר סיי וואס פאר א ישועה איז רבי מאיר'ס פושקע אייביג גרייט פאר אייך!

ווייל ישועות פועל'ט מען ביי רבי מאיר.

די ישועות קוואל איז אפן:

רופט דער גבאי 347 466 2410

ישועות ביי רבי מאיר

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

*sruliHeskel

# קלאסיפיידס


## KB Realty

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר
אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע
טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347-731-3144**

מיר סערווירן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי

**loop PLUMBING**

Masters of drip

917.202.1206





מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **שלום אלי' פעלבערבוים** הי"ו

וזוגתו דבורה גיטל תחי'

### צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו

וזוגתו רבקה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


בעזרת השם יתברך

## פרשיות תפילין

געשריבן דורך א היימישער סופר מאנשי שלומנו. א הערליכע שיינע שריפט - מעשי ידי אומן.

יצחק שמואל פרענקל

**+972-548-456-150**



א בילד פון פרשיות תפילין

# גדלות המוחין נייך טו פיוו.

א נייע פליגל גענצליך
פריוואט - געאייגנט
פאר ריטעיל געשעפטן
אדער אפיסעס - איז
נארוואס געווארן
אוועילעבל אין סי פי
פי, אלע
באקוועמליכקייטן
אונטער איין דעכל.

PRIVATE ENTRANCE AND PRIVATE BATHROOM

646.938.2503

CPP CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

איינגענעמע אפיסעס ⁞ אין הארץ פון שטעטל ⁞ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן ⁞ פרייזן וואס בייסן נישט ⁞ פארקינג ביזן דאך

באצאלן פאר
מאטי זיין דריי
אלפים / אפּוויישן
די באלאנס אין
גראסעריי / דאון
פעימענט / א מתנה׳לע
פארן אשת חיל / עימעקס /
פאראויסרוקן די פלעדזש ביים קרן הבנין / א
נייע הוט אויף א עיסעפ / באצאלן שכר לימוד ווי א
איד / באשטעלן די וואש מאשין / די פאריעריגע טיקעט
אויף אומאן / ענדיגן די הקריה געלט / פייטן די
דריי טיקעטס שוין / קאנטרי /
באצאלן דעם
עקסטערמינעיטער /
די לעקטער ביל וואס
ליגט אויפן פענסטער
שוין פאר כ׳ווייס ווי לאנג /
טעקסעס / פשוט נישט זען דעם
מיינוס אין באנק / ספּאטלייטס וואס
מ׳פלאנט שוין יאארן / א נייע שבת טלית און
נישט עס נאכאמאל וואשן / אינטרעסט /
זויערטייג וועכנטליך לכבוד שבת קודש
/ איי דא ניד עי נא בעקיטשע /
יששכר זבולין אפשר / א
באש מאשין / ענדיגן
דעם גמ״ח הלוואה ו ו א ס
ענדיגט זיך נישט באצאלן / מיין
קומענדיגע טיקעט אויף אומאן / זכות
אין אשר בנחל / עפעס איבערלאזן אין
שטוב אויכעט / א שטריימעלע / די אווערמיילידזש פונעם
נארוואס צוריקגעגעבענעם אויטא / אן איינמאליגע
זילבערנע לייכטער / בלעקטאפ / תפילין פאר מיין
צוקונפטיגע בחור׳ל / עס ענד פי פייוו
האנדרעט / בלויז איין וואך
וואקאציע / עפעס א
מתן בסתר /
אנהייבן טראכטן
פון עפענען א
ביזנעס׳ל / סתם

## סיי וואו די דמיונות זענען געלאפן, טעקס ריטורן סעזאן איז אפן.

KB BUSINESS SOLUTIONS
BOOKKEEPING SERVICES

845.293.7667 - ephraim@kbbs.net - .kbbs.net

#ס׳גרינגער_ווי_דו_מיינסט

dominogrp.com

בס"ד

פרשת וארא
אויסגאבע # 5


# אינדערהיים



באקסטער
פאר שבת
מ. פאפנהיים

Whats the point
ש. ל. פליישמאן

הערליכע נסיעה
הער א מעשה

# פרישע חלות לכבוד שבת

מ. פאפנהיים

# אינהאלט



8



20

**בס"ד**
פרשת וארא
תשפ"ו
**נומער 5**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק

**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידיש שטוב:
**212.444.9169**




א העכסט דראמאטישע פארזעצונג אהערגעשטעלט דורך אונזער טאלאנטפולער שרייבערין

**ש. טראכטער**

אנגעהויבן קומענדיגע וואך בעז"ה

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## Whats the point

אין דיין לאנדרי שטוב,
די וועש סארטירסטו.
די שווארצע און די ווייסע,
אבער, עפעס שפירסטו...
לעול ולמשא...
?What's the point

אין דיין Kitchen שטייסטו,
די Vegetables שיילסטו,
די מייערן Slice'סטו,
די צוויבל Dice'סטו,
אבער, אן א קול שרייסטו:
?What's the point

דו גייסט צו די סינקען,
די Dishes צו דיר ווינקען...
זאלסט זיי אנטרינקען,
אין זייף איינטונקען,
מיט וואסער אפשווענקען...
אבער, דיין הארץ טוט איינזינקען...
ווי ס'איז געצווינגען...
א שווערע פיל אראפצושלינגען...
?What's the point

מיטן בעזעם א קער,
אהין און אהער,
אוי, ס'איז אזוי שווער...
אונטערן בעט נאכמער...

אויפגעוואַרפן האט עס ווער?
טרעפסט זיך אויפן Chair,
כמעט אין Despair...
?What's the point

אונטער זערא דעגרי,
א אייזיגע צופרי,
גרייטסט די קינדער צו,
די שיך ליגט נאר וואו?
דו נוצט מח און מיה.
וואו נעמט מען Energy?
וואס איז טאקע די Point???

דער ראש ישיבה האט,
אונז געזאגט א סוד:
ווילסט זיין פריש און יונג,
כח ווי א Spring,
דיין ארבעט זאל זיין גרינג,
אן קיין but, but, but,
הייב אן לעבן מיט דיין ג-ט!

די זעלבע מייער,
די זעלבע טאפ אויפן פייער,
די זעלבע וועש אין דרייער,
דיין מח Rewire...
לעב מיטן באשעפער!
איין ציל - Desire,
וועסט זיין פריש, מער נישט Tired!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. ל. פליישמאן

די ארבעט און די קינדער,
ווערט דיר ווערן טייער!

מיטן באשעפער אין הארץ,
קוקט עס נישט אויס שווארץ,
מיטן באשעפער אין מח,
האט מען אסאך כח!

ברסלב איז דאך פראקטיש,
אויסצופירן פאקטיש,
איז ווי אזוי טוט מען דאס?
לעבן פארן באלעבאס...

די מויל, דאס איז דער שליסל,
רעד כאטשיג אביסל,
דיין הארץ טו אויפשליסן,
מיטן אייבערשטן הייב אן שמועסן!

דער אייבערשטער איז נעבן דיר,
ח"ו איגנאריר!
זיין אנוועזנהייט שפיר!
ער בעט, "רעד מיט מיר"...

מיטן אייבערשטן Discuss,
א ווארט און נאך איינס Plus,
מאך נישט אזא Fuss,
פון התבודדות...

נאכאמאל די זעלבע Advice?
פון דעם שוין איך ווייס!
So, טו עס Actualize,
ס'איז Free!

ס'קאסט נישט קיין Price...
דער הייליגער רבי הייסט,
מיטן אייבערשטן Socialize...

דאס וועט דיר דערמאנען,
א באשעפער איז פארהאנען,
מיין ארבעט האט א Point,
און ווי שטארק עס לוינט!

איך לעב פארן אייבערשטן,
אים האב איך אינזינען,
אים טו איך באדינען,
א אידישע מאמע מיט Pride!
מיט כח Energized,
פרייליך Inside!
מיין יעדע אויפגאבע,
ווערט אן אדרבה...

עס גייט נישט אין איין מינוט,
נאר מיט בעיבי טריט.
שטאט, שטאט,
אמונה אין דיר Inject,
מיטן אייבערשטן Connect,
שמועס פריוואט,
מְעַט, מְעַט,
לְאַט, לְאַט...

* לְאַט = שטאט.

ש. טראכטער



# א שמעק טאבאק

"היינט גייט זיין דער טאג!" טראכט איך מיט א קיצל פון איבערראשונג.

איר ווייסט וועלכער טאג איך מיין? דער טאג וואס אלעס גייט אריינפאלן אין פלאץ. איך גיי טון וואס א אידישע מאמע דארף צו טון. דער טאג וואס איך גיי בס"ד:

קאכן א נאראפטיגע נאכטמאל (איך האב די צייט ב"ה)

מסדר זיין די שאפע פון קינדער צימער וואס פליעט

באקן חלות און קוכן לכבוד שבת

אנהייבן זאגן דעם יום תהלים אדער כאטש אביסל

רופן מיין מאמע און פארברענגען מיט איר אויפן טעלעפאן

ביגלען די טלית קטן'ס פון מיין מאן, וואס ווארטן שוין דריי וואכן

איך בין געווען גאנץ אויסגערעכנט. איך האב זיך געלייגט פרי און איך בין אויפגעשטאנען פרי (א סגולה פון מוהרא"ש אויפצושטיין פרי איז זיך לייגן פרי!) האלב נאך ניין בין איך שוין געווען נאכן דאווענען און עסן פרישטאג. איך בין באמת געווען גרייט און פריש!

און... און... איך ווייס נישט. איך קען דיר אפילו נישט זאגן וואס עס האט פאסירט, פשוט ווייל איך ווייס נישט. איך האב זיך דערזעען אז עס איז דריי אזייגער און דער באס האט געפיפן, און אלע מיינע פלענער זענען געווארן בטל ומבוטל.

איך האב אבער פרובירט מאכן א שטיקל סדר אין מח. וואס האט דא פאסירט? וואס האב איך טאקע געטון? איך האב געוואלט זאגן אביסל תהלים, אויפרוימען א אידישע שטוב, קאכן פאר מיין מאן און קינדער. מיינע שאיפות זענען געווען גוטע. וואס האט דא פאסירט?

איך טראכט צוריק און איך דערמאן זיך. אה, מיין שוועסטער האט מיר גערופן. מיר זענען אריינגעפאלן אין א נארישע טענה'ריי אויב עס איז יא וויכטיג אדער נישט וויכטיג צו קויפן א מתנה ביי אן אפשערן. די שמועס האט מיר פארברענט א שעה מיט פופצן מינוט, ארויסגענומען פון די כלים, און איך בין ארויס מיט גארנישט!

דערנאך האב איך געזוכט א טעלעפאן נומער פון א געשעפט און זיך פארליינט אין די וואכנטליכע אויסגאבע פון סעילס. נאך פינף און פערציג מינוט פארביי... דאן איז שוין די בעיבי אויפגעשטאנען און איך בין געווארן פארנומען. און ווען די בעיבי איז צוריק געגאנגען שלאפן, בין איך ווייטער פארשפילט געווארן מיט א נארישע שמועס מיט א חבר'טע, וואס איז אריין אין אביסל לשון הרע און רכילות, און פאר וואס און ווען האב איך זיך דערזעהן אז עס איז דריי אזייגער און דער טאג איז פארביי.

איך קוק זיך ארום. איינער שפילט דא מיט מיר. איינער שיקט מיר אונטער נארישע זאכן וואס פארבלענדן מיר פון תכלית, פון טון וואס איך דארף צו טון. איינער פארדרייט מיר דעם קאפ אז איך זאל נישט האלטן קאפ.

(מיר רעדן נישט דא פון אידישע מאמעס ווען מיר קומען פשוט ב"ה נישט אן צו טון די מינדעסטע, צוליב א קינד אדער א נויטיגע דרימל. היינט רעדן מיר פון טעג וואס גייען א גאנג ווייל... עס איז גרינגער אזוי... וואס דאס איז אייגנטליך א שפיל פון דעם יצר הרע!)

ווען מען ווערט מקורב צום הייליגן רבי'ן קומט מיט א מתנה: מניעות! אזוי איז עס. דער הייליגער רבי איז פארשעמט און יעדער אן אויסנאם גייט אריבער זיין פעקעלע מיט מניעות. ביי איינעם איז עס אביסל וויניגער און ביי איינעם אביסל מער, ביי איינעם איז עס אביסל פרייער און ביי איינעם איז עס אביסל שפעטער, ביי איינעם איז עס פון מענטשן אינדרויסן און ביי איינעם (יעדן) איז עס פון מח אינעווייניג. ביי יעדן איז עס אנדערש, אבער די מציאות איז ביי יעדן אייניג.

איך געדענק אנהייב התקרבות, הערנדיג די שיעורים, האב איך געשפירט ווי איך שפאציר אויף א וואלקן. איך בין געגאנגען אין גאס, געטראכט פון די שיעורים און באטראכט מענטשן, און געשפירט ווי איך וויל טאנצן פון גליק. דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו מיר. איך לעב אזא גן עדן.

עס איז געווען בשתיקה, קיינער האט נישט געוואוסט פון אונזער התקרבות. מיר זענען געווען גוט גוט איינגעטונקען אין רבי'נס טייך, אבער אין די זעלבע צייט גוט גוט איינגעטונקען אין עולם התוהו. מיט מיין שכל פון דעמאלטס, האב איך געשפירט ווי איך האב עס! איך טאנץ יא אויף צוויי חתונות.

איך האב זיך באמת צוגעכאפט צו התבודדות און מיין מאן צו משניות און דרך הלימוד. אונזער שטוב האט געלעבט און געאטעמט "רבי". די קינדער האבן אויסגעהערט די שיעורים. אלעס איז געווען כשורה.

ביז... ביז... די מניעות האבן אנגעהויבן קלאפן, אדער זעצן אין טיר.

אין יעניע טעג האט פאסירט (און פאסירט נאך היינט) אן אינטערעסאנטע זאך. די מניעות, די חלישות הדעת, די בלבולים אין מח האבן אזוי געמישט און געדרייט אז איך האב אנגעהויבן באמערקן אז אין די זעלבע צייט לאז איך נאך פון מיין התבודדות, פון הערן שיעורים, פון עצתו אמונה. עס איז מיר געווארן "ביטער שווער" ארויסצורעדן אפילו איין ווארט צום אייבערשטן.

איך האב נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר. אין א טאג האב איך געטראכט "דאס איז עס." היינט מאך איך געהעריג התבודדות. איך גיי עס אויסשמועסן מיטן באשעפער. אז איך האב יא געטראפן א פלאץ, א ראש ישיבה וואס גיט אונז שיעורים, שכל און חיזוק פאר'ן לעבן, לאמיר כאטש פאלגן.

אבער פאר וואס און ווען האט מיר דער גערופן און אנגעהויבן אריינצוגעבן וועגן ברסלב, און יענער האט מיר נאכגעזאגט אז א דריטער האט געזאגט אז א פערטער איז אויסער זיך צו הערן אז דו ביסט אנגעקומען קיין ברסלב. דא האבן מיר געהאט צו טון מיט די קינדער פון חדר וואס מען האט געטשעפעט און מיט א בילד וואס איז ארויס פובליק (פון מיין מאן ביי א מסיבה פון ברסלב). און אזוי האבן מיר זיך געטראפן פארברענגען שעות אויף שעות זיך אויסקאכן אלע חלישות הדעת, און טעג און טעג אויסצוארבעטן אין מח און איבערשמועסן און רעדן און אויסרעדן און איבעררעדן און קייען און איבערקייען. אלעס ברסלב, אלעס היכל הקודש... אבער איך האב זיך פלוצלינג געכאפט, איך בין בכלל נישט מקורב. איך בין אזוי פארנומען, אזוי ביזי מיט אלעס ארום, מיט אלע מניעות און בלבולים אז דער יצר הרע האט מיר גוט מנצח געווען

ער מישט אזוי ארום מיט מיר, ווייל ער וויל איין זאך, לאז אפ די זיסע עצות, לאז אפ עבודת ה'.

איך ווייס אפילו נישט אויב דאס הייסט מניעות, איך מיין דאס הייסט "למען הבחירה והנסיון". עס איז פשוט א שפיל פונעם יצר הרע צו פארדרייען דעם מענטש, זיי ביזי מיט וואס דו קענסט, נאר בעיקר לאז אפ דעם רבי'ן. און דער מענטש נארט זיך (ווי דער רבי זאגט שוין: דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט זיך נישט נארן) אז ער איז גאר פארנומען מיט "וויכטיגע" זאכן און סוף טאג טרעפט ער זיך ווי א חוזק, אויסגעשפילט פון אלע זייטן, און ער האט גארנישט אין די הענט.

די וואך אין די סדרה זעען מיר אז פרעה האט געוואלט איין זאך: אידישע קינדער זאלן אפלאזן די הייליגע זאך פון תפילה, פון רעדן צום באשעפער. דעריבער איז ער אויפגעקומען מיט א גוטן בייפאל. ער האט געגעבן די גזירה פון "תכבד העבודה" - שווער מאכן די ארבעט. ער האט באשלאסן אז ער וועט מער נישט געבן קיין ציגל פאר די אידן צו בויען פתום ורעמסס. זאלן די אידן זיך פלאגן אליינס צו מאכן די ציגל. פארוואס? ווייל אזוי וועלן זיי זיין אזוי "ביזי", אזוי פארנומען, אז זיי וועלן נישט האבן קיין צייט צו נוצן זייער געווער: תפילה והתבודדות! זיי וועלן זיין אזוי פארשפילט און פארנומען אז זיי וועלן פארגעסן צו שרייען "ונצעק!!! ראטעווע מיר, אייבערשטער!"

און עס האט געארבעט! ביז משה רבינו איז געקומען און גע'פועל'ט ביי פרעה אז די אידן מוזן האבן "איין טאג זיך צו אפרוען". דאן, ווען די אידן האבן געהאט א טאג מנוחה, האבן זיי זיך פארבענקט צום באשעפער און אנגעהויבן שרייען, און אזוי האט זיך אנגעהויבן די גאולה.

אליינס פארן קיין ווילנע און פון דארט האבן טאביק."

ווילנא איז געווען א ווייטע מהלך צו פארן פון ראדין. אבער דער איד האט זיך נישט געפוילט, ער האט געפאקט פעק און זיך ארויסגעלאזט קיין ווילנא, ווי עס איז געווען צו באקומען גאר ספעציעלע

שמעק טאביק האבן מיר איינגעהאנדלט!

ווי דער הייליגער רבי זאגט אונז אז דער יצר הרע איז ווי איינער וואס לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און רעדט אלעמען איין אז "איך האב עפעס דא. עס לוינט זיך מיר נאכצוקומען." און אלע מענטשן לויפן אים נאך. צום סוף עפנט ער די האנט און ווייזט "בע..!! איך האב גארנישט!"

דער יצר הרע שפילט מיט אונז. ער שלעפט אונז קיין ווילנא, אבער ניטאמאל א שמעק טאביק באקומען מיר.

און די עצה? אז מען איז זוכה צו לעבן מיט אביסל התבודדות און מען געוואוינט זיך צו גלייך אינדערפרי, ווי דער הייליגער רבי שרייבט אין שיחות הר"ן (שיחה ב') אז עס איז גוט זיך איבערצוגעבן דעם טאג פאר'ן אייבערשטן גלייך אינדערפרי, זאגט מען ארויס, "הייליגער באשעפער, איך געב זיך איבער צו דיר, אלעס וואס עס האט צו טון מיט מיר..." און אז מען קען, לייגט מען נאך צו א פאר ווערטער, "באשעפער, היינט וויל איך.... העלף מיר טאטע"!

אז מען לעבט מיט דעם, דאן איז מען זוכה צו ישוב הדעת, צו וויסן וואס מען האט צו טון, צו לעבן מיט א קלארקייט און נישט ווערן פארשוועמט פון דעם יצר הרע וואס וויל מאכן מיט אונז די טריק פון תכבד העבודה, דאס הייסט זיין ביזי, ביזי, ביזי און פאריאגט און נישט נאכיאגן דעם טאג, נישט וויסן וואס עס טוט זיך מיט זיך!

און אז מען דערזעט זיך אין א מצב וואס מען קען אפילו נישט טראכטן פון התבודדות, דאן מאכט מען א קורצע, טריקענע תפילה פון דעם אליין: "באשעפער, איך בין אזוי פאריאגט נאכצויאגן דעם נעכטיגן טאג און איך קום נישט אן צו רעדן צו דיר. און אפילו ווען איך וויל שוין יא רעדן, לויפט מיין מח כסדר אוועק. איך קען זיך נישט מצמצם זיין. איך קען זיך נישט צוזאמנעמען. איך בעט דיר, אייבערשטער, העלף מיר אז איך זאל קענען רעדן צו דיר. מאך מיר א נס, אייבערשטער, אז איך זאל זוכה זיין צו שמועסן מיט דיר. מיין קאפ איז נישט דא, איך האב נישט קיין ישוב הדעת, אבער מיין רצון איז יא דא!"

איך קוק זיך ארום. איינער שפילט דא מיט מיר. איינער שיקט מיר אונטער נארישע זאכן וואס פארבלענדן מיר פון תכלית, פון טון וואס איך דארף צו טון. איינער פארדרייט מיר דעם קאפ

תכבד העבודה גייט נאך אן ביזן היינטיגן טאג. דער יצר הרע נוצט די טאקטיק וואס האט געארבעט 210 יאר אין מצרים און טויזנטער יאר אין גלות.

ער קומט צו יעדן אויף זיין אופן. צו די אידישע מאמע קומט ער מיט דריידלעך און שטותים, אבי איר צו פארשפילן דעם מח פון טון איר עבודת הקודש ווי אויפצוזיען דאס הויז און מאכן נאכטמאל. צום אינגערמאן קומט ער מיט "וויכטיגע זאכן צו ערלעדיגן", אבי נישט תורה ותפילה. צו איינעם וואס טרעפט דעם רבי'ן קומט ער אונטערן שלייער פון "מניעות און בלבולים". די שפיל איז אבער אלעמאל די זעלבע: ער וויל אונז אוועקשלעפן פונעם אייבערשטן, פון גן עדן.

ביים הייליגן חפץ חיים זי"ע אין בית המדרש איז געווען אן איד, א שטיקל בטלן, וואס פלעגט כסדר ארומגיין צו די רייכע לייט אין בית המדרש און בעטן אויב זיי קענען אים אפשר געבן א שמעק טאביק. (נישט יעדער האט זיך געקענט ערלויבן צו קויפן טאביק.)

מיט דער צייט זענען אלע נערוועז געווארן פון אים, ווייל ער פלעגט זיי נודזשען טאג איין און טאג אויס, און נישט נאכלאזן. צוביסלעך האבן זיך אלע אפגעשאקלט פון אים און אים אנטזאגט צו בארגן די טאביק פושקע.

דער איד, חצקל, האט זיך באליידיגט און זיך אנגערופן צו די ארומיגע. "איך דארף נישט אייערע טובות. איך וועל

און פיינע טאביק.

חצקל שלעפט זיך איבער וועגן און שטעגן. ער ווערט מיד און אויסגעשעפט, אבער ער וועט עס מאכן. ער פארט קיין ווילנא.

נאך אפאר וואכן קומט חצקל אהיים און דער עולם לויפט אים אנטקעגן. "נו, חצקל, דאסמאל ווילן מיר א שמעק טאביק פון דיר. מיר ווילן שמעקן 'ווילנא טאביק'."

חצקל קוקט זיי אן און ווייסט נישט וואס זיי ווילן. ער האט נישט טאביק.

"איך פארשטיי נישט," פרעגט אים איינער, "וואס האסטו געטון אין ווילנא? האסטו נישט געקויפט קיין טאביק?"

חצקל וואונדערט זיך צוריק, "געקויפט טאביק? וואס עפעס? איך בין געפארן קיין ווילנא, געבעטן פון א איד צו שמעקן פון זיין טאביק און בין צוריקגעקומען."

דער גאנצער עולם האט אויסגעשאסן מיט געלעכטער, אבער דער הייליגער חפץ חיים האט זיך צעוויינט.

די אידן האבן זיך דערשראקן און געפרעגט דעם חפץ חיים פארוואס ער וויינט. האט דער צדיק מסביר געווען אז חצקל איז טאקע א נאר, ער איז געפארן ביז ווילנא און סך הכל האט ער באקומען א שמעק טאביק. אבער ווי ווי אויף אונזערע נשמות אז מיר וועלן ארויפקומען אויבן, נאך אזא לאנגע לאנגע רייזע אויף דער וועלט, און ניטאמאל א

מ. פאפענהיים

# בָאקסער פאר שבת



זי איז געשטאנען ביים פענסטער און באטראכט דעם הערליכן זון אויפגאנג, דער הימל וואס איז צוביסלעך געווארן ליכטיגער, האט איר געגעבן א ציפ אין הארץ.

יעצט, פונקט יעצט וואלט געווען די ריכטיגע מינוט צו ענדיגן פארקנעטן דעם טייג, עס גוט צודעקן און עס לאזן אויפגיין דא ביים פענסטער, אונטער די ווארעמע זון שטראלן. אבער - א גערודער פון אינעווייניג האט איבערגעריסן אירע טריבע געדאנקען, די קינדער זענען שוין אויפגעשטאנען, הערט זי. איר מאן איז שוין פון לאנג אין שול, וואו ער איז עוסק אין תורה און תפילה, זי וואלט יעצט געדארפט אויפוועקן ליבליך אירע אינגלעך, און זיי ארויסבאגלייטן צום טיר מיט ווארעמע וואונטשן, אבער זי האט נישט קיין טראפ געדולד צו גארנישט אין אזא טאג. זי בלייבט ביים פענסטער פארטיפט אינעם הימל ווי זי וואלט זיך אויסגעקעקנט מיטן גאנג פונעם זון, און די וואלקענעס וואס שפאצירן ארום.

די אינגלעך ווארטן אבער נישט פאר איר, זיי זענען שוין גענוג גרויס זיך אויסצורישן אליין, זיי קומען אריין אין קעכל, "מאמי? וואס איז דא היינט צו עסן?" איינער שטייט שוין אין ווינקל ביים קויש, "די פרישע באקסער איז פאר היינט?" "ניין!" - שפרינגט זי אויף - "די פרישע וועט זיין אויף שבת, יעצט וועלן ענק עסן די געטרוקנטע".

"מחי'ה! שבת גייט מען האבן אזעלכע גוטע באקסער!" פרייען זיך די קינדער. זיי וואשן זיך די הענט און זעצן זיך אראפ עסן, זי קוקט זיי נאך מיט א פאר'חלומ'טע בליק. די קינדער כאפן אויף אז די מאמע איז יעצט עפעס נישט אזוי אין די גוסטע, און זיי עסן שווייגנדיג אפ, שאקלען אפ די ברעקלעך, מאכן א נאך ברכה, און ווענדן זיך צום טיר. "א גוטן טאג! מאמי" גריסן זיי מיט דרך ארץ. זי שאקלט זיי צו מיטן קאפ און זיי גייען ארויס.

זי קוקט זיי נאך פון פענסטער ווי

זיי לויפן פרייליך צום שול, זייער טאטע ווארט זיי שוין, זיי גייען זיצן און לערנען צוזאמען די הייליגע זיסע תורה. אבער היינט וועלן זיי לערנען נאר ביז חצות, ווייל היינט איז פרייטאג, ביי חצות וועלן זיי אהיימקומען, זיך ארומוואשן מיט ווארעמע וואסער לכבוד שבת, און זיך גרייטן אויפצונעמען דעם ליבן שבת.

זי וואלט יעצט געדארפט שטיין פארפארעט און פארשוויצט ביים אויוון און באקן חלות, קאכן פלייש און בראטן פרישע פיש, זי האט נאך גענוג צייט אלעס אנצויאגן ביז חצות, אבער ווי? וואס? זי דרייט זיך ארום אין שטילן אויפגערוימטן הויז, אלעס איז אויפן פלאץ, גרייט, שיין מסודר, ווי דער זמן פון ליכט צינדן וואלט שוין יעצט געווען, זי גייט נאכאמאל צו, צו די ליידיגע זעק, אפשר איז יא דא אביסל מעל וואס זי האט נעכטן נישט באמערקט? ניין! דער זאק איז ליידיג, די קריגלען אויך, וואס וועט דא זיין? וועט מען שבת עסן נאר באקסער?

נעכטן האט זי אויסגעשמועסט דעם ארעמען מצב מיט איר מאן - ר' חנינא בן דוסא, אבער ער האט איר גארנישט געהאט צו געבן, פשוט ג - א - ר - נ - י - ש -ט, "דער אייבערשטער וועט אונז נישט פארלאזן" - האט ער איר געמוטיגט - "וועסט נאך זען, מיר גייען האבן א פרייליכע שבת". זי איז טאקע געגאנגען שלאפן רואיג, אבער יעצט? יעצט איז שוין פרייטיג און דער ייאוש קריכט שוין אריין אין הארץ.

זי שטעלט זיך נאכאמאל אוועק ביים פענסטער, דער הימל איז שוין גוט ליכטיג. "באשעפער - רייסט זיך ארויס א תפילה פון איר הארץ - הייליגער באשעפער! שיק אונז אויף שבת פיינע גוטע עסן! באשעפער! העלף אונז האבן א פרייליכער שבת!

זי קוקט זיך ארום, זי האט יעצט במילא גארנישט וואס צו טון, און זי זעט די רויך פון דעם קוימען פון דערנעבנדיגן הייזל, זי שטעלט זיך פאר ווי איר שכנ'טע שטייט און ווישט זיך די שווייס, ווי זי נעמט ארויס פון אויוון פרישע חלות, און האט אינזינען בשעת מעשה אז די פלייש זאל זיך נישט פארברענען, און די זופ זאל נישט איבערגיסן... נעכטן האט איר שכנ'טע אזוי געקלאגט: "שוין ווייטער דאנערשטאג! ווייטער דארף מען קאכן פיש און באקן חלות... נאך איידער וואס ווען איז די וואך אריבערגעפלויגן..." זי האט פרובירט צו שמייכלען, און אראפגענומען די ריינע וועש פון שטריק, איר שכנ'טע האט איר נישט פארשטאנען.

"אויף וואס שמייכלסטו? - האט זי זיך געערגט - דו שטייסט דא אזוי רואיג מיט דיינע וועש, דיין גאנצע שבת איז שוין גרייט? אפגעקאכט?" זי האט געדארפט נעכטן זיך איינהאלטן פון אויספלאצן, נאר דאס פעלט איר אויס די שכנה זאל וויסן וואס ס'טוט זיך ביי איר אין הויז, און האבן צו רעדן און באנעבעכן דעם נעקסטן יאר...

זי האט געוואלט אויסשרייען: דו קענסט אויפהערן צו קלאגן? טאנץ און שפרינג, דאנק דעם באשעפער אז דו האסט מעל צו באקן חלות! און דו רעדסט נאך פון פלייש און פיש אויך! דו ווייסט אז ביי מיר אין הויז איז אפילו פשוט'ע ביליגע מעל אויך נישטא?! געלויבט דעם אייבערשטן אז זי האט עס נישט ארויסגערעדט, די שכנ'טע האט נאך ווייטער געקלאגט, און זי האט איר אויסגעהערט און צוגעשאקלט מיטן קאפ...

יעצט זעט זי ווי דער רויך פון קוימען ווערט העכער און העכער... אויך פון די דערנעבדיגע הייזער גייט א רויך... אפילו ביים עק גאס פונעם הייזל פון רחל די אלמנה גייט א רויך... פאר וועמען פונקט קאכט זי, די אלמנה?



'קוק עס אן' - טראכט זי פארשמעט - 'נאר פון אונזער הויז גייט נישט קיין רויך, ווייל נאר מיר האבן נישט וואס צו קאכן לכבוד שבת... פון דעם אליינס, אז יעדער קאכט און נאר איך נישט, קענען די שכנים האבן צו רעדן... יא, איך ווייס אז ביי אונז קען זיין א פרייליכערע אטמאספער ווי ביי אנדערע, אפילו מיר האבן נאר באקסער, אבער איך וויל נישט זיין אין אלעמענ'ס מיילער, מענטשן קענען נישט פארשטיין ווי אזוי מען קען זיין פרייליך מיט גארנישט און יעדער וועט רעדן און באנעבעכן...

אה! איך האב א גוטע עצה, איך וועל אריינלייגן העלצער אין אויוון אזוי וועט פון אונזער קוימען אויך גיין א רויך, און קיינעם וועט נישט איינפאלן צו טראכטן אז מיר עסן שבת נאר באקסער...

געטראכט און געטון... זי שטייט יעצט ביים פענסטער און באטראכט דעם רויך, וואס ווערט העכער און העכער, פון איר הייזל... ס'קען באמת אויסזען פונדרויסן אז ס'טוט זיך לעבעדיג אין קאך, חלות... פלייש... פיש..

איין מינוט... צו איז איינער ביים טיר? יא, איינער קלאפט. ס'ווערט איר נישט גוט... זי דערקענט דעם קלאפ, ס'איז די שכנה... נאר דאס פעלט איר אויס, די שכנה זאל יעצט ארייןשפאצירן אין איר קעכל, און פונקטליך מיטהאלטן וואס ס'קאכט זיך דא...

"איך גיי איר נישט עפענען!" באשליסט זי...

די קלאפערייען ווערט שטערקער און שטערקער, די שכנ'טע איז א עקשנ'טע, זי גייט איר נישט אזוי שנעל אפלאזן, אפשר איז בעסער איך זאל איר יא עפענען, נאר א שפאלט אין טיר? אבער נאך איידער זי באשליסט וואס צו טון, עפנט זיך שוין די טיר... די שכנה שפאצירט אריין...

"הא! דא ביסטו! וואס קאכט זיך דא אזוי גוט?"

זי האלט עס נישט אויס...

זי קען עס נישט נעמען...

**דו קענסט אויפהערן צו קלאגן? טאנץ און שפרינג, דאנק דעם באשעפער אז דו האסט מעל צו באקן חלות! און דו רעדסט נאך פון פלייש און פיש אויך?**

זי לויפט אוועק...

זי לויפט ארויף אויפן בוידעם... רויט, בלאס און פארשעמט ביז איבער די אויערן...

"באשעפער!" שרייט זי אויס, "הייליגער באשעפער! ראטעווע מיר פון די בושות! איך קען מיך שוין נישט באווייזן מיין פנים!"

וואו ביסטו? וואו ביסטו אנטלאפן? - שרייט די שכנ'טע פון אונטן - דיינע הערליכע חלות ווערן שוין באלד פארברענט!!!"

איר הארץ זינקט איין, אזא שלאק איז זי די שכנה? אזוי צו טרייבן שפאס פון אירע צרות?! און זי ווערט נישט שטיל דארטן אונטן, זי שרייט העכער, היסטערישער: "קום שוין! קום שנעל!!!"

א אנגענעמער ריח קלאפט איר אין נאז, א פרישער גערוך פון גוטע פיינע הייס געבאקענע חלות... אפשר מאכט זי אפילו נישט ליצנות? אפשר איז דא פשוט געווארן א מעשה פון תפילה?

זי כאפט דעם שויבל, און לויפט אראפ די טרעפ, איר הארץ באמבעט... ס'קען גאר זיין אז זי לייגט זיך אליין אריין אין פעקל.

"דא ביסטו! - אטעמט די שכנ'טע אפ - וואו ביסטו אנטלאפן אין די קריטישע מינוטן?"

זי לויפט צו צום אויוון, זי הערט נישט וואס די שכנ'טע פלאפלט ווייטער, און... יא!!! דער אויוון איז פול מיט פרישע אויסגעבאקענע חלות...

זי כאפט דעם שויבל און נעמט ארויס איין חלה נאך די אנדערע...

"וואו ביסטו געגאנגען???" לאזט איר די שכנ'טע נישט אפ...

"איך בין געלאפן ברענגען דעם שויבל! דו זעסט נישט?"

"אה! טאקע! אזעלכע געלונגענע חלות... דו מוזט מיר געבן דעם רעצעפט!"

איר קאפ דרייט זיך שוין... א רעצעפט וויל זי...

"גוט" - ענטפערט זי - "קום אריין דא נאך שבת, מ'עט רעדן"...

די שכנ'טע כאפט ענדליך דעם רמז און דרייט זיך אויס צום טיר, "גוט איך וועל דא אריינקומען נאך שבת".

ענדליך איז שטיל געווארן.

זי פאלט אריין אין ערשטן בענקל, הענט און פיס טרייסלען איר... זי ציפט זיך און גלייבט נישט די אייגענע אויגן... פרישע פיינע שמעקעדיגע חלות... דא ביי איר אין הויז...

באשעפער! הייליגער באשעפער! שכח פארן מיר געבן וואס איך האט דיר געבעטן! און הייליגער באשעפער! העלף מיר איך זאל ווייטער אלעמאל דיר אלעס בעטן, און איך זאל אייביג געדענקען אז דו קענסט אלעס, אפילו זאכן וואס ס'זעט מיר אויס אומעגליך, און איך זאל דיר דערציילן און ווענדן אלעמאל צו דיר!

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## א פרוי פון
ארץ ישראל

איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, סיי פריוואט און סיי מיט די מיידלעך אין סקול אז דער ראש ישיבה זאל קומען קיין ארץ ישראל אונז באזוכן, נאכן נישט זיין אין ארץ ישראל פאר א לענגערע צייט, מיר אלע קוקן שוין ארויס אויף דעם אזוי שטארק, עס געט אונז א שטארקע חיזוק אנצוגיין אויף נאך א שטיק צייט.

שכח אייבערשטער אז מ'האט די גאר פריילכע בשורה אז דער ראש ישיבה לאזט זיך ארויס קיין ארץ ישראל און קומט אונז מחזק זיין.

בשעת דער ראש ישיבה איז דא געווען האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז יעדע ריר זאל זיך גוט ויסארבעטן, אנגעהויבן פון די הערליכע מסיבה אין בני ברק ווי אלע משפחות זענען זיך צאמגעקומען צוזאמען, מ'האט זיך געטראפן גאנץ משפחת היכל הקודש אינטער איין דאך, און אזוי ווייטער יעדע איינצעלהייט פון די נסיעה זאל זיין א סוקסעס. שכח אייבערשטער ס'האט זיך אלעס אזוי שיין און גוט ויסגעשטעלט.

נאכדעם וואס דער ראש ישיבה האט זיך געזעגענט און איז אהיים געפארן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל אראפשרייבן די גאנצע נסיעה, כדי מ'זאל דאס קענען איבערגיין און איבער'חזר'ן.

שכח אייבערשטער אז אינעם בלעטל איז עס געווען הערליך שיין אראפגעשריבן מ'האט ממש געקענט איבערלעבן די גאנצע נסיעה נאכאמאל מיט אלע דעטאלן, און אפילו מיטהאלטן די פרטים וואס נישט אלע האבן געקענט דארט זיין בשעת מעשה.

## ל. ש
קרית ברסלב

איך האב געטראכט אז מסתמא דארף מיין אינגל האבן מער קאלציום ווייל איך זע אז ער שלאפט שווער איין ביינאכט, און אויך איז עס די צייט וואס זיינע ציינער פאלן ארויס און ס'דארף ארויס וואקסן די גרעסערע ציינער.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל וואקסן שטארק און געזונט. כ'האב געקויפט די קאלציום וויטאמין וואס איז ספעציעל פאר קינדער מיט א גוטע טעם, למעשה ווייס איך אז ס'האט נישט ממש אזא גוטע טעם. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן א גוטע עצה, "וואס קען איך טון אז ער זאל עס וועלן נעמען?"

יענע טאג וואס איך האב עס ברוך השם געקענט קויפן, קומט מיין אינגל אהיים פון חדר דערציילן מיט איין שמחה אז זיין רבי'ה האט געזאגט אז אויב מ'טרינקט יעדן טאג מילך באקומט מען שטארקע ביינער און ס'מאכט שטארק די קני און פונקטליך אלע בענעפיטן פון א גלאז מילך א טאג.

האב איך געזאגט אז דאס אלעס איז וועגן די מילך האט אין זיך קאלציום און איך האב אים אויך וועגן דעם געקויפט א וויטעמין פון קאלציום וואס וועט העלפן ער זאל זיין נאך שטערקער.

שכח אייבערשטער ער איז פריילך עס צו נעמען יעדע צופרי און אלע קינדער ווילן עס אויך נעמען.

# קינדער היים



וויפיל ספרים האט דער רבי אונז איבערגעלאזט? - ברסלב'ע חידות



## פארוואס זענען דא אזוי סאך פליגן?

- א שטיקעלע ספר המדות

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן בעל התניא זי"ע**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער פני מנחם זי"ע**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה





געווינער פון פאראנגאנגענע וואך: **אסתר רייזל קארדוזו**

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו איינער וואס האלט א פארמאכטע האנט און יעדער לויפט אים נאך, און צום סוף עפנט ער זיין האנט און האט גארנישט!"

## ברסלבי'ע חידות

**וויפיל ספרים האט אונז דער הייליגער רבי איבערגעלאזט?**

א. איינס
ב. דריי
ג. פינף
ד. זיבן
ה. צוועלף
ו. אכצן
ז. זעקס און דרייסיג
ח. פופציג

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות: "ווער עס פארשפרייט דעם צדיק ווערט פרייליך!"

## געב א שמייכל

**אויב ווען די פיס ווערט פארדרייט דארף מען מאכן א קעסט, דאן וואס דארף מען מאכן ווען די קאפ ווער פארדרייט?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**ט. עַל יְדֵי מִעוּט אֱמוּנָה נִתְרַבּוּ הַזְּבוּבִים בָּעוֹלָם.**

דוּרְךְ ווֵיינִיג אֱמוּנָה, פַארְמֶערְן זִיךְ דִי פְלִיגְן אוֹיף דִי ווֶועלְט.

# גמאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן: שמחה עליזה מזרחי




געמאלן: שמחה עליזה מזרחי


שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# יָארְצַייט פוּן צַדִיקִים

"משְׁה'לֶע, פַארְוָואס הַאלְטְסְטוּ נִישְׁט מִיט?" הָאט דֶער מְלַמֵד פָארְגֶעהַאלְטְן דֶעם יוּנְגְל משְׁה'לֶע.

משְׁה'לֶע הָאט זִיךְ צוּקְרֶעכְצְט. עֶר וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק לֶערְנֶען, עֶר וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער מְלַמֵד לֶערְנְט פָאר. עֶר וִויל אוֹיךְ קֶענֶען מִיטְזָאגְן דִי חוּמָשׁ אוּן גְמָרָא.

אָבֶּער משְׁה'לֶע קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען. משְׁה'לֶע פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. משְׁה'לֶע קֶען נִישְׁט גוּט לֵיינֶען דִי עִבְרִי.

וֶוען דֶער מְלַמֵד הֵייבְּט אָן פָארְצוּלֶערְנֶען, פְּרוּבִּירְט עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק מִיטְצוּהַאלְטְן, אָבֶּער עֶס גֵייט אִים מַמָשׁ נִישְׁט. יֶעדְן טָאג טְרַאכְט משְׁה'לֶע אַז "הַיינְט וֶועט עֶס שׁוֹין גֵיין." אָבֶּער נֵיין. דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר, אוּן פוּן משְׁה'לֶע וֶוערְט משֶׁה, אָבֶּער עֶר קֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵד רֶעדְט צוּ אִים.

אֵיין טָאג, וֶוען אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אִין כִּתָּה אוּן משְׁה'לֶע אִיז ווִידֶער פַאר'חָלוֹמְ'ט גֶעוָוארְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט, הָאט דֶער מְלַמֵד אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף משֶׁה.

"וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר?! וָואס וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן דִיר?! פַארְוָואס קְלָאצְטוּ?"

משְׁה'לֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג. עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם שְׁלֶעכְט. עֶר וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר קֶען פָּשׁוּט נִישְׁט.

נָאךְ חֵדֶר אִיז משְׁה'לֶע נִישְׁט גֶעקוּמֶען אַהֵיים. משְׁה'לֶע אִיז גֶעלָאפְן אִין שׁוּל. עֶר אִיז צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָארְנִישְׁט. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל אוֹיךְ פִילְן אַ זִיסְקֵייט אִין דַיין תּוֹרָה. פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן כֹּחַ צוּ זִיצְן אִין כִּתָּה? אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק לֶערְנֶען תּוֹרָה!"

אַזוֹי הָאט משְׁה'לֶע גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט. עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אַפָּאר שָׁעָה. עֶר הָאט אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי שְׁטַארְק עֶר וִויל לֶערְנֶען אוּן ווִי שְׁוֶוער עֶס גֵייט אִים. עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַזוֹי לַאנְג בִּיז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, "וואוּ בִּין אִיךְ?" דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר אִיז אִין שׁוּל, וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען.

אוֹיפְן טִישׁ אִיז גֶעוֶוען אַ גְמָרָא. משְׁה'לֶע הָאט עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעקוּשְׁט. עֶר קֶען טַאקֶע נִישְׁט לֶערְנֶען, אָבֶּער עֶר הָאט לִיבּ תּוֹרָה.

מִיט בֶּענְקְשַׁאפְט הָאט משְׁה'לֶע גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּלַאט. עֶר קוּקְט אַרַיין אוּן עֶר וֶוערְט פַארְוואוּנְדֶערְט. עֶר פַארְשְׁטֵייט! עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּאֱמֶת!

משְׁה'לֶע אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן שָׁעוֹת אִין שׁוּל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ לֶערְנֶען אַ שׁוּרָה נָאךְ אַ שׁוּרָה.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען זוּכְן. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז משְׁה'לֶע זִיצְט מִיט סְפָרִים אוּן זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר שָׁאקִירְט אוּן פְרֵיילִיךְ!

משְׁה'לֶע הָאט וַוייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה אוּן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן אִיז מִיט דֶער צַייט אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן צוּ זַיין דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער מַהֲרַ"ם שִׁיק. עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גָאוֹן בַּתּוֹרָה. צְוִוישְׁן דִי סְפָרִים וָואס עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען זֶענֶען גֶעוֶוען:

- חִידוּשֵׁי מַהֲרַ"ם שִׁיק
- שו"ת מַהֲרַ"ם שִׁיק
- דְרָשׁוֹת מַהֲרַ"ם שִׁיק
- מַהֲרַ"ם שִׁיק עַל הַתּוֹרָה
- מַהֲרַ"ם שִׁיק עַל תַּרְיַ"ג מִצְוֹת

אַז מִיר וֶועלְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים!

# דֶער הֵיילִיגֶער מהר"ם שִׁיק זי"ע



אַהַהַהַ, ווִי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה

# אכטונג בלעטל קינדער!

יעצט ווען מ׳שטיימיר הארט נאך אזא סוקסעספולע חנוכה פארמעסט ווי אלע טייערע בלעטל קינדער, איינס ביי איינס, האבן אהערגעשטעלט אזעלכע אויגפארכאפנדע מייסטערווערק, גייען מיר גלייך אריינשפרינגען אינעם נייעם בלעטל פארמעסט, לאמיר זען וואס דו קענסט אהערשטעלן פארן

# חמשה עשר בשבט פארמעסט!

שטעל אהער סיי וואס דו קענסט לכבוד חמשה עשר בשבט מיט סיי וועלכע מאטריאל, (אז דו האסט די מעגליכקייטן, שטעל אהער דיין קונצווערק געמאכט פון פרוכט... אדער א צווייטע עסנווארג, נאר נישט מאכן קיין עובר בל תשחית, פארשטייט זיך) און שיק אריין א בילד דערפון צו די בלעטל, און דיין בילד וועט מיטן אייבערשטנס הילף אריינגעשטעלט ווערן דא ביים בלעטל פארמעסט.



דעדליין
אריינצושיקן איז
מיטוואך פרשת בא
זעקס אזייגער

בילדער קען מען שיקן צו
845.379.1161
אדער צו
bletelmagazine@gmail.com

מאך א תפלה
ס׳זאל געלונגען,
און לאמיר זען
וואס דו קענסט!